STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06076

# DI IDISHE ARBETER BAVEGUNG IN TSIFERN

Ber Borochov

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

בער באראכאוו

# די אידישע ארבעטער באוועגונג אין ציפערן

ארויסגעגעבן פונ׳ם

פאראייניגטן באראכאוו־קאמיטעט

פארלאג פערדינאנד אסטערטאג, בערלין

1923

בוכדרוקעריי
אָסטערטאַג, מעלניק און קאמפּ׳ אי ג׳
בערלין־קירכהיין

Copyright by Verlag Ferdinand Ostertag Berlin 1923.

# פון די ארויסגעבער.

פון דער ליטעראַרישער ירושה, וואָס איז געבליבן פון חבר ב. באָראָכאָוו, גיבן מיר דערווייל אַרויס, אַלס ערשטע שריפט, די דאָזיגע אַרבעט, אויפ'ן יסוד פון אַ רייכן פאַקטישן מאַטעריאַל, באַנוצענדיג די ידיעות פון כמעט אַלע אַרבעטעראָרגאַנען וועגן די אידישע שטרייקן אינ'ם תחום אין משך פון צען יאָר (1895 — 1904) ערב דער ערשטער רוסלענדישער רעוואָלוציע, און אָנווענדנדיג די מעטאָדן פון דער וויסענשאַפטליכער סטאַטיסטיק, אונטערזוכט דאָ דער מחבר די אייגענאַרטיקייט פונ'ם קלאַסענקאַמף פון דער אידישער אַרבעטערשאַפט, אירע סימנים און סבות.

די איצטיגע אַרבעט האָט געזאָלט זיין נאָר אַ אַריינפיר. נאָך איר האָט געזאָלט קומען — ווי עס הייסט בפירוש אינ'ם ערשטן קאַפּיטל — אַ שורה אבהאַנדלונגען וועגן אַלע אַנדערע „פאָרמען און רעזולטאַטן פונ'ם קלאַסענקאַמף ביי די אידישע אַרבעטער, זיין ווירקונג אויף דער פאַרבעסערונג פונ'ם מאַטעריעלן און קולטורעלן מצב פונ'ם אידישן פראָלעטאַריאַט און צוזאַמען מיט דעם אויך אויף דער אנטוויקלונג פון די פראָדוקטיווע כחות פונ'ם גאַנצן תחום־אידענטום". דער מחבר האָט נאָך געהאַט בדעה אויסצופאָרשן אויך דעם צוזאַמענהאַנג צווישן דעם עקאָנאָמישן קאַמף און דער

פּאָליטישער אנטוויקלונג פונ׳ם אידישן פּראָלעטאַריאַט. דער נאָמען „די אידישע אַרבעטער־באַוועגונג אין ציפערן״ איז אַ פּנים געווען געפּלאַנט פאַר דער גאנצער סעריע. די מלחמה־יאָרן און דער פריצייטיגער טויט האבן אבער אויך אט דעם חלום צושטערט. אַרויסגעבענדיג איצט די ערשטע אָבהאַנדלונג, האבן מיר פונדעסט־וועגן באשלאָסן דעם נאָמען ניט צו ענדערן.

דער אריגינאל איז געשריבן אין רוסיש. דער מחבר האט דעם כתב־יד געשיקט קיין ארץ ישראל, צו דער רעדאַקציע „אחדות״, דעם דאמאלסטיגן אָרגאַן פון דער ארץ־ישראל׳דיגער פועלי־ציון־פארטיי. די אבשריפט וואס איז געמאכט געוואָרן פאר אונזער איבער־זעצונג האָט חבר י. בן־צבי פארגליכן מיטן אָריגינאַל, וואָס געפינט זיך אין א״י, אינ׳ם אַרכיוו פון פּאַלעסטינאַ־אַרבעטער־פאָנד. די איבערזעצונג איז געמאכט געוואָרן פון חבר האָלענדער אונטער דער רעדאַקציע פון חבר ז. רובאשאָוו.

דער פאראייניגטער באָראָכאָוו־קאָמיטעט, וואס באשטייט פון פאר־טרעטער פון אלע ריכטונגען פון דער פועלי־ציוניסטישער באַוועגונג, גיט ארויס דאס דאָזיגע בוך אלס התחלה פון זיין אַרבעט. גלויבענדיג אין דער אונטערשטיצונג פון אַלע באראכאווס חברים, תלמידים, פאַרערער און פריינד, האָט דער קאָמיטעט די פעסטע האָפנונג אז ס׳וועט אים געלינגען אויסצופירן זיין אויפגאבע: צו זאמלען און ארויסצוגעבן אלע שריפטן פונ׳ם פועלי־ציוניסטישן קלאַסיקער, סיי די וואָס געפינען זיך נאך אין כתב־יד און סיי די וואָס זענען שוין געווען געדרוקט און זענען היינט ניט בנמצא.

„אויסרופן דאָס, וואָס עס איז, — איז דער מעכטיגסטער מיטל פון געזעלשאַפטליכן קאַמף“.

„Was nun?“ פערדינאַנד לאַסאַל,

# די מאַכט־שטופּן פונ׳ם ,קאַפּיטאַל

(פאַקטן און דאָקומענטן—אָנשטאָט אַ הקדמה).

## 1. די אידישע מלאכה.

„לאָדז. ס׳איז דאָ פאָרגעקומען אַ בעקער־שטרייק צוליב פאָלגענדער סבה. די אַרבעטער פון אַ בעקעריי, אויפגעטראָגן אויפן בעל־הבית׳ס טאָכטער און אויפן בעל־הבית אַליין דערפאַר, וואָס זיי האָבן אָפּגעשפּאָט פון דער טאָכטערס לערערין, וועלכע איז ניט לאַנג פריהער אַרעסטירט געוואָרן. האָבן ערקלערט אַ שטרייק דעם בעל־הבית און געפאָדערט, ער זאָל אַריינטראָגן, אַלס שטראָף פאַרן באַליידיגן די אַרעסטירטע, 15 רובל פאַרן רויטן קרייץ און זאָל איין מאָל אין דער וואָך פאַרגרעסערן דעם שטאַט מיט איין אַרבעטער פאַר די פרייטאָג־באַשטעלונגען. געדויערט עטליכע שעה און געוואונען". געוועזן איז עס זומער 1903־טן יאָר[1]*).

[1]) „פאָסלעדניאַ איזוועסטיאַ" (אויסלענדישע אויסגאַבע פון בונד) N. 139 פון 10־טן אויגוסט 1903 יאָר. „דער רויטער קרייץ" — אַנ׳אָרגאַניזאַציע צו העלפן פּאָליטיש אַרעס־טירטע און פאַרשיקטע. קורסיוו אומעטום אונזערער.

*) די ציטאַטן, ס׳רוב פון זעלטענע אידישע קוואַלן, זענען דאָ אומעטום איבערזעצט פון דער רוסישער איבערזעצונג. איבערז.

„קאָוונע. ניט לאַנג איז דא פאַרגעקומען א קליינער שטרייק פון די בעקער אין צוויי בעקערייען. אין איינער פון זיי האָבן די אַרבעטער אָנגעוועגדעט געוואַלט קעגען אַ שטרייקברעכער — דעם בעל־הבית אַ קרובֿ. דער בעל־הבית האָט געמסר׳ט צוויי אַרבעטער פאר דער פאָליציי, אָנגעבענדיג, אַז זיי האָבן געשלאָגען זיין קרובֿ דערפאַר, וואָס ער האָט פאַרנומען דעם אָרט פון אַ שטרייקענדן. מ׳האָט זיי אַרעסטירט. די אויפגעטראָגענע אַרבעטער האָבן חרוב געמאַכט דעם מסור׳ס הויז. נאָכדעם האָט דער בעל־הבית ערקלערט דער פאָליציי, אַז ער איז ניט זיכער, צי ער האָט אָנגעוויזן אויף די באמת שולדיגע, אוןביידע אַרבעטער זענען באַפרייט געוואָרן" פאָרגעקומען איז עס אין פעברואַר 1903 יאר[2].

„ווילנע. ס״. אַנ׳אייגענטימער פון א לעדער־פאבריק, האט, לויט דער עצה פונם פארוואלטער, זיינס א אייגענעם פאָטער, געוואָלט אָפּזאָגן די וואַלקערס (פּעלבייגער). ס׳איז ערקלערט געוואָרן אַ שטרייק, דער בעל־הבית האָט אָבער איינגעלאַדן שטרייק ברעכער קריסטען, די ארבעטער האבן געפּרובט ווירקען אויפן פאַרוואַלטער מיט מעסערס, נאָר, שיסענדיג פון רעוואָלווער, האָט זיך אים איינגעגעבן צו אנטלויפען. נאכדעם האט ס. באפרידיגט די פאָדערונגען פון די ארבעטער". דאס איז געשען אין זומער 1904 יאר[3].

דאס געהערט צו דער עפּאכע פון בונד. און אָט — פון דער נייסטער צייט, פון דער אַנאַרכיסטישער „דיקטאַטור".

ביאַליסטאָק. „פאַר דער לעצטער צייט איז אין ביאַליסטאָק

---

[2]) "פאסל. איזוועסטיא" N. 115

[3]) "פאסל. איזוועסטיא" N. 188

איינגעפירט געוואָרן, אַז ווען דער בעל־הבית וויל אפזאָגן אַנ׳אַר־בעטער, איז ער אים מחויב מ׳ייע זיין וועגן דעם מיט דריי חדשים פריהער, און אויב ניט, מוז ער באצאלן פאַר דער צייט. און אָט אין וואס די אַנאַרכיסטן האָבן פאַוואַנדעלט די דאָזיגע אונגעהייער וויכטיגע ארבעטער־עראָבערונג. צו א בעל־הבית, אַ בעל מלאכה, וועלכער אַרבעט סך־הכל מיט איין באַהעלפער, זיינען קומען צו גיין עטליכע מענשען און אָנווייזענדיג אויף איינעם צווישען זיי האבן זיי ערקלערט: „איר מוזט אים געבן ארבעט.“ דער בעל־הבית האָט נאך דאס מויל ניט געעפנט, און זיי זענען שוין אַלע פארשוואונדן, חוץ איינער, יענער וועלכער האָט געדאַרפט באַקומען די ארבעט. דער בעל־הבית האָט אָפגעזאָגט. האָט דער נייער ארבעטער גאנץ רוהיג ערקלערט, אַז אויב אזוי, מוז אים דער בעל־הבית באַצאָלן פאַר דריי חדשים. פאַר די „פאַרשוועכטע רעכט“ פונם אַרבעטער נעמט זיך אָן די אנארכיסטישע „גרופע“, און דעם בעל־הבית, סטראשענדיג מיט נקמה, גיט מען די ברירה: „אָדער פארזאָרגען מיט אַרבעט, אָדער באַצאָלן פאַר דריי חדשים“.

„ביי איינעם א לעדערפאבריקאַנט איז פאַרבליבן אויסצואַרבעטן נאָר אַיין הורטעל סחורה. די אַרבעטער האָבן אַרויסגעשטעלט אַ פאָדערונג, ס׳זאָל צוגעשטעלט ווערן נייע סחורה איידער ס׳וועט פאַרענדיגט ווערן די אַלטע, אָדער ער זאָל באַצאָלן פאַר דריי חדשים. דער בעל־הבית האָט זיך אָפגעזאָגט צוצושטעלן נייע סחורה, ביז ס׳וועט ניט אויסגעארבעט ווערן די אַלטע און וואס איז נוגע דער פאָדערונג צו באַצאָלן פאַר דריי חדשים, האט ער ערקלערט, אַז ער האָט גאָר ניט בדעה צו פאַרמאַכן זיין ווארשטאט און האַלט דעריבער אַזאַ פאָדערונג פאַר ניט קיין גערעכטע. די אַרבעטער

האָבן אים געבונדן און געשלאָגן ביז צום טויט. דער בעל־הבית איז קוים אַ לעבעדיגער אַרויסגעשפרונגען דורכן פענסטער פונם צווייטן שטאָק; ער האָט איבערגעלאָזן זיין װארשטאט און איז אַנטלאָפן פון שטאָט. די אַרבעטער האָבן, גלייך ווי ס'איז גאָרניט געשען, ווייטער געאַרבעט דעם רעשט לעדער און האָבן אים ביסלעכווייז אויספאַרקויפט. פאַרקויפט די סחורה, האָבן זיי אָנגעהויבן אויסצופאַרקויפן דעם בעל־הבית מעבל — און אַלץ אויפן חשבון פונם געלט, וואָס ער האָט פאַר די דריי חדשים ניט באַצאָלט. געענדיגט האָט זיך עס דערמיט, אַז מ'האָט אַרעסטירט עטליכע אַרבעטער". אונטער דער ווירקונג פון די אַנאַרכיסטישע גבורות „פאַרמאכן זיך אין ביאַליסטאק קלײנע װארשטאטן אײנע נאָך דער צווייטער און די בעלי־בתים זייערע צולויפן זיך פון דער שטאָט"[4].

## 2. די רוסישע פאַבריק.

### אַ דאָקומענט:

„אויסקונפט וועגן איינעם, וואָס וואוינט ביי דער פאבריק פון ב־ער מאַנופאַקטור־געזעלשאפט.

נאָמען — איוואַן, פאָטערס נאמען — וואסיליע, פאַמיליע — סמירנאָוו.

גובערניע, אויעזד א. א. וו. אַלט — 56 יאָר. וויפיל יאָר

---

[4]) די ביאַליסטאקער פאקטן זענען פאַרעפענטליכט אין אַברם'ס ארטיקל אין "פון פראָפעסיאָנעלן לעבן", אַ ביילאַגע צום טעגליכן בונדישן אָרגאן "די האָפנונג", N. 17, זומער 1907; די פאַקטן אַליין אָבער געהערן צו די יאָרן 1907—1906. די, וואס לייענען רוסיש, שיקן מיר אָפּ צום N. 29 פונם אויסלענדישן אָרגאַן פון די ס־ד. באלשעוויקעס "פראָלעטאַרי", וואו ס'געפינט זיך די רוסישע איבערזעצונג פון אברם'ס אַרטיקל.

ארבעט ער אויף דער פאבריק? 23· שטעלע? — אַנ־
ארבעטער ביי׳ם שטייגמאשין·

וואו אַרבעט ער? — אויף דער גרויסער פאבריק·

ידיעות פון דער וואוינונג־אפטיילונג:

1· אויף זיין פעסל קוואַס האט ער אָנגעבונדן אַ שמאַטע׳ שטראָף 1 רובל

2· שכור׳ערהייט האט ער אין קאָרידאָר געַרעט הויך וועגן דעם אַז די עלסטע זענען אַלע פאַדלע און רויבער· די וועכטער האָבן אים געהייסן שווייגן׳ האָט ער ניט געפאָלגט׳ האָט מען אים איינ־געזעצט אין וואכשטיבל· שטראף · · · · · · · · 2 רובל

3· ער האָט אויף דער גאַס געזונגען אין דער הויך לידער· פאר ניט פאלגן איינגעזעצט אין וואכשטיבל׳ וועגן וואָס מ׳האָט מודיע געווען דעם פארוואלטער מיט דערווירטשאפט־אבטיילונג·״

דעם פאַרוואַלטערס אויפשריפט:

„פאר ניט פאָלגן איבערפירן אויף אַ פריוואַטער קוואַרטיר״

אונטערשריפט·

פאַבריק־ידיעות:

פאַר שפעט אַרויסגיין אויף דער אַרבעט׳ שטראף · · · 50 קאפ·

פאַר שפעט אַרויסגיין׳ שטראף · · · · · · · · · 50 קאפ·

פאַר עזות קעגן מייסטער · · · · · · · · · · · 1 רובל

אָנגעטאן זיך 5 מינוט פאַרן ענדיגן די אַרבעט · · · · 50 קאפ·

פ̄אַר ניט פאָלגן · · · · · · · · · · · · 50 קאפ.

פאַר אסך רעדן (Sic!) ב· ב· · · · · · · · · · · 40 קאפ·

געקלאָגט זיך פאַרן אינספעקטאָר׳ אז מ׳האָט אים אַרויסגעגעבן שלעכטע פלייש׳ שטראָף · · · · · · · · · · 1 רובל

אונטערשריפט פון עלטסטן קאָנטאָרשטשיק·

בעט באלויבונג פאר די וואונדען.

„אַ מענש ניט קיין זיכערער, אנ׳עזות׳ניק, א מיטעלמעסיגער אַר־בעטער. פאַרדינט ניט אז מיר זאָל זיין בקשה באפרידיגן״ אונטער־שריפט.

באַמערקונגען פון פאַבריק־שפיטאָל וועגן צוקאַליעטשעטקייט:

1. ווי מ׳גיט איבער פון דער פאַבריק, איז ער געוועזן ניט ניכטער, איבער איין אייגענער אומפאָרזיכטיקייט אַריין אין לעדער־נעם בלאָק, וואו ס׳האָט אים אָפגעשניטן צוויי פינגער פון דער רעכטער האנד און צוקלאפט דעם שפיץ פונם דריטן, קיין ערנסטע צוקאַליעטשעטקייט איז ניט פאָרגעקומען (Sic!) ב. ב.) אונטערשריפט פון פאַבריק־דאָקטאָר ב . . . . טש.

2) צונעמענדיג קעסטלעך, האָט ער, איבער זיין אומפאָרזיכטיקייט, געקראָגן אַ קלאַפּ אין פלייצע. האָט זיך געהיילט אין שפיטאָל 28 טעג. (צו פיל פאַר אַזאַ מענשענליבענדן הייל־אַנשטאַלט. נעמענדיג אין אַכט, אַז „קיין ערנסטע צוקאַליעטשעטקייט איז ניט פאָר־געקומען״! ב. ב.) אונטערשריפט פון פאַבריק־דאָקטאָר ב.........טש.

די רעזאָלוציע פונם פאַבריק־אייגענטימער:

געבן 50 רובל אויף הוצאות. אויף דער פאַבריק ניט צוריקנעמען.

אונטערשריפט: סאַוואַ ..................... ״[5]).

די לאַנגיאריגע טראַגעדיע אויף איין שטיקעלע קאַנצעלאַריע־פאַפּירל נויטיגט זיך ניט אין קיין פירושים. וואָס איז דאס אַזוינס

---

[5]) דער דאקומענט איז געבראַכט אין N. 15 פון דער „איסקרא״ (אָנהויב 1902 יאָר).

דאס „וואַכשטיבל״, וואוהין מען פלעגט אריינזעצן — צוגעבענדיג דערביי, פארשטעהט זיך, אַ הארציגן מתנת יד — איוואַן סמירנאָוון פאַר „ניט פאָלגן״, קען אונז דערצעלן פאָלגענדער „צירקולאַר פון וולאַדימירער גובערנאַטאָר צו די ה״ה אויעזד־איספראַווניקעס״*) פון 8 פעברואַר 1902 יאָר, אונטערן N 385 (אויסצוג):

„איך האב באקומען ידיעות, אַז די אַרעסטאַנטן־שטיבלעך, וואָס זענען איינגעאָרדענט ביי אייניגע פאבריקן, געפינען זיך אין זעהר אַנ׳אומבאַפרידיגענדן צושטאַנד, פאָרשטעלנדיג אָפט אַ קליין צימערל אָן פענסטער און אָן אַ אויווען, מיט א ברוק פון ערד אָדער שטיינער, אָן בעטן אָדער נאַרעס. כאָטש די דאָזיגע שטיבלעך ביי די פאַבריקן, וואוהין מען זעצט איין די פאַבריק־אַרבעטער, וועלכע ווערן לויט געזעצליכער סבה(?) אַרעסטירט, געהערן אפילו ניט צו די ארעסט־אנשטאלטן, וואָס זענען באַשטימט דורכן געזעץ, אבער, נעמענדיג אין אַכט אַז זייער עקזיסטענץ ווערט אַרויסגערופן דורך דער פראַקטישער נויטווענדיקייט(?), קען מען ניט דערלאָזן, אז די אַרעסטירטע זאָלן ליידן אזעלכע אומבאַקוועמליכקייטן, וועלכע קענען זיך שעדליך אפרופן אויף זייער געזונד. דעריבער לעג איך פאָר די ה״ה אויעזד־איספראַווניקעס*) פערזענליך באַטראַכטן אַלע אַרעסטאַנטן־שטיבליך ביי די פאַבריקען פון זייערע אויעזדן און, אין פאַל, ווען זיי געפינען זיך אין אַ ניט באפרידיגענדן צושטאַנד, פאָרלעגן די פאַבריקאַנטן, זיי זאָלן מאַכן די נויטיגע אויסבעסערונגען. איך צווייפעל ניט, אַז דער דאָזיגער צירקולאַר, אויב ער וועט ריכטיג

*) די רוסישע גובערניע אין אַדמיניסטראַטיוו צוטיילט אויף אויעזדן און דער פאַר־וואַלטער פון אויעזד האָט ביז דער רעוואלוציע געהייסן איספראַווניק. איבערז.

ווערן ערקלערט און אין דער געהעריגער („טאַקטישער" ב׳ ב׳) פאָרם פאָרגעלגט די פאַבריקאַנטן, ווען זיי פון זייער זייט קעגן זיין ערפילונג, גארנישט האָבן"[6].

3. די צווישן־פארמאציע — די אידישע פאבריק.

„גראדנע. אויף ש׳—ס טאַבאַק־פאַבריק שטרייקן אַלע אָפּ־טיילונגען — צוזאמען ביז 1500 מענשן" ... „דער שטרייק איז נאָך אין סאמע ברען, עס שטרייקט די גאנצע פאבריק — ביז 2000 מענשען ... די געלט־נויט איז אונגע־הייער", „דער שטרייק ביי ש. דויערט. די שטרייקענדע (אינאיינעם מיט די פאַמיליעס אַריבער 10.000 מענשן) הונ־גערן אין בוכשטעבליכן זין פונם וואָרט שוין דעם 20־טן טאָג. יונגוואַרג האַלט זיך פעסט, די זקנים און זקנות אָבער (אַסך אַזוינע אַרבעטן אויף ש׳—ס פאַבריק) זענען דערגאַנגען ביז צו דער לעצטער שטופע פון יאוש. מחנות׳ווייז רייסן זיי זיך יעדן טאָג אין די טויערן פון דער פאַבריק. מאָגערע, שרעקליך אויסגעמאַטערט, ווי אַ פאַר־קערפערונג פון עלענד און הונגער, און, וויינענדיג אויפן קול, בעטן זיי דעם פאַבריקאַנט, ער זאָל זיי נעמען צו דער אַרבעט ... באַ־וויזט זיך עמיץ פון ש׳—ס מקורבים הויבן אָן די אומגליקליכע זקנות, וועלענדיג ווייכער מאַכן דעם פאַבריקאַנטס האַרץ, אויס־צושרייען: ש. זאָל לעבן! אונזערע מענער זאָלן שטאַרבן, אָבער ש. זאָל לעבן!" .. נעכטן אינדערפרי האָבן מחנות זקנים און זקנות ווי־דער באַלאַגערט דעם הויף פון דער פאַבריק. קלאָג, געוויין ...

---

[6]) פאַרעפענטליכט אין די "וולאַדימירסקיאַ גובערנסקיאַ וועדאָמאָסטי" פון 22 פעברואַר 1902 יאר, N. 8 מיר ציטירן נאָך לונץ׳ס אַרטיקל אין N. 4 "אָבראַזאָוואַניע" פאַרן יאָר 1906.

די זקנות קוויטשען: „עפנט אויף דעם בית־המקדש!" „דער הונגער האָט געזיגט. דער שטרייק אויף ש.—ס פאַבריק האָט זיך געענדיגט אַמטרויעריגסטן פאַר די אַרבעטער. ניט נאָר זייערע פאָדערונגען זענען ניט באַפרידיגט געוואָרן, — אַריבער 200 אַרבעטער זענען ניט צוריקגענומען געוואָרן צו דער אַרבעט"[7].

און אָט האָבן מיר ווידער אגרוס פון דער אַנאַרכיסטישער פּראַקטיק אין ביאַליסטאָק:

„פאַראיאָרן זומער האָבן אַטייל וועבער אַוועקגעלעגט די אַרבעט, פאָדערנדיג אַ לוין־הוספה. די אַנאַרכיסטן האָבן זיך גענומען אָנפירן מיטן שטרייק און האָבן מיט באָמבעס געוואָלט צווינגען די פאַבריקאַנטן, זיי זאָלן זיך אונטערגעבן. פאַר אַ קורצער צייט האָבן זיי געוואָרפן 10 באָמבעס און טעראַריזירט די באַפעלקערונג פון דער שטאָט. די פאַבריקאַנטן האָבן פון זייער זייט באַלד געענטפערט מיט ענערגישע מיטלען: ס'איז באַשלאָסן געוואָרן פאַרמאַכן די פאַבריקן און פאַרלאָזן די שטאָט. די אַרבעטער, אַרויסגעוואָרפן אויף דער גאַס, האָבן אויפגעהויבן אַ גוואַלד, אויסגיסנדיג זייער כעס אויף די אַנאַרכיסטן, וועלכע זיי האָבן גערעכנט פאַר שולדיג אין זייער מפלה. די אַרבעטער זענען דערגאַנגען צו אַזאַ מדרגה, אַז

[7]) ציטירט פון די NN 164, 166 און 169 "פּאָסל. איזוועסטיאַ". — דער מערק־ווירדיגער שטרייק, וועגן וועלכן עס טיילט מיט אויך די "איסקראַ" אין N. 60 אונטער א קעפל, וואס איז יענעם יאר געווען באזונדערס אויסדרוקספול "קרימיטשוי אין רוסלאַנד", איז פאָרגעקומען אין דעצעמבער 1903 און יאַנואַר 1904 יאָר. די ציפערן זענען פונדעסט־וועגן עטוואָס גוזמאות'דיג: צו יענער צייט האָט זיך אויף ש.—ס פאַבריק גערעכנט 1800 ארבעטער, מענער און פרויען (כמעט אלע—אידן), דערביי זענען אויף דער פאַבריק געווען אפט פאַרנומען גאַנצע פאַמיליען, אַזוי אַז מיט די פאמיליען אינאיינעם איז אַרום און אַרום געווען 7—6 טויזענד הונגערנדע. אין דעם קאָנפליקט האָבן זיך צונויפגעפלאָכטן אַ פאַרטיידיגונגסשטרייק, אַ לאָקאַאוט און אַ סאָלידאַריטעט שטרייק.

זיי זענען געפאַלן די בעלי־בתים צו די פיס, האבן געבעטן, זיי זאָלן עפענען די פאַבריקן, צוזאגענדיג דערביי צו זיין גוט און פרום. איינעם אַ גרויסן פאַבריקאַנט פ״ וועלכער האָט זיך לאַנג געברעקעלט און האט סוף כל סוף מסכים געווען צו עפענען די פאבריק, האָט מען געמאַכט אַ גאַנצע אָוואַציע: מ׳האָט אים געהויבן אין דער לופט, געשריען „אוראַ“ א. א. וו“.[8]

---

[8] פון דעמזעלבן אברהם׳ס אַרטיקל אין ״פון פראָפעסיאָנעלן לעבן״.

I.

## אַלגעמיינע באַמערקונגען וועגן דער אויפגאַבע, וועגן דעם מאַטעריאַל און וועגן דעם מעטאָדע.

פאַר די לעצטע צען יאָר האָט דער קלאַסן־קאַמף צווישן אַרבעט און קאַפּיטאַל באַקומען דעם ווערט פון אַ וויכטיגסטן פאַקט און פאַקטאָר אין לעבן פון רוסישן אידענטום. אָנגעפירט אין זיינע עקאָנאָמישע און פּאָליטישע פאָרמען דורך דער אויסגעצייכענטער אָרגאַניזאַציע פונם בונד, האט ער ערשט ניט לאַנג צוגעשמיד צו זיך די גאַנצע אויפמערקזאַמקייט פון דער „אידישער גאַס". אונטערן דרוק פון דער אַלרוסישער רעאַקציע האָבן זיך אויך די אינטערעסן פון דער אידישער באַפעלקערונג אָפּגעצויגן אין אַן־אַנדער זייט; נאָר דער שטילשטאַנד וועט זיך פריהער אָדער שפּעטער ענדיגן און ווידער וועט אויפפלאַמען דאָס פייער פון אַנטאַגאָניזמען אין גאַנץ רוסלאַנד און אין תחום אויך. עס ווייזן זיך שוין צייכן פון אויפלעבונג, שוין איצט פירט דער קאַפּיטאַל מיט זיין אונאויפהערליכן דראַנג (לאָקאַאוטן באַ די זאָקענמאַכערינס, לעדער־אַרבעטער, בערשטער) צו דער אויפוואַכונג פון די דרעמלענדיגע כחות, און מען דאַרף זיך גרייטן צו אַ נייער שטייגונג. ס׳ווייזט אויס, אַז אויך אין דער דאָזיגער נייער פּאַזע וועט די אידישע אַרבעטער־באַוועגונג און דער „בונד" בלייבען סינאָנימען, פּונקט ווי דאס איז געווען אין דער פריערדיגער עפּאָכע; און אין אונזער צופּוילטער צייט איז דער בונד די איינציגע

גרופע, וואָס האָט ניט פאַרלוירן די לעבעדיגע פאַרבינדונגען מיט דער אַרבעטער־מאַסע, און בלייבט, ביי דער צופאַלונג פון פאַרטייען און צוקראָכענקייט פון ריכטונגען, דער אָרגאַנישער אַוואַנגאַרד פון דער באַוועגונג, ענג צונויפגעוואַקסן מיטן גוף פונם פראָלעטאַריאַט.

דער שרייבער פון די דאָזיגע שורות איז אַ פּרינציפּיעלער געגנער פונם בונד, האַלט זיין פּראָגראַם בנוגע דער אידישער פראַגע פאַר פאַלש, זיין טאַקטיק אין אסך הינזיכטען פאַר שעדליך. נאָר טאַקע דערפאַר, וואָס דעם בונדס מעלות און חסרונות זענען די מעלות און חסרונות פונם גאַנצן אידישן פּראָלעטאַריאַט, דערפאַר, וואָס זעלטן וואָס פאַר אַן אַרבעטער־קלאַס איז פעהיג געווען צו באַשאַפן אַזאַ לעבעדיגע אָרגאַניזאַציע, אַזוי ענג זיך צונויפגיסן מיט איר, ווי ס׳האָט עס באַוויזן צו מאַכן דער אידישער אַרבעטער־קלאַס, — טאַקע דערפאַר, שטודירענדיג דעם בונד, שטודירט איר די אידישע אַרבעטער־באַוועגונג. און ווענט איר זיך צו דער אַרבעטער־באַוועגונג פונם תחום, באַגעגנט איר זיך אויף יעדן טריט מיטן בונד און כמעט נאָר מיט אים אַליין. די טרייקייט צו דער אַרבעטער־באַוועגונג פונם תחום איז מחייב אויסצונוצן דעם שטילשטאַנד און שטודירן איר גורל, אירע פאָרמען און האָפנונגען אויף דער צוקונפט; דיזעלבע טרייקייט הייסט אָבער אויך אָביעקטיוו אָפּצושאַצען די אָרגאַניזאַציע, וועלכער ס׳איז נאָך אפנים לאַנג באַשערט צו שטיין אין איר שפּיץ.

אין אַ ריי אויספאָרשונגען וועל איך טאַקי פּרובן אויסצוזוכען, אויפן גרונד פון אַ מעגליך ריינעם פאַקטישן מאַטעריאַל, די פאָרמען און רעזולטאַטן פונם קלאַסן־קאַמף — צוערשט פונם עקאָנאָמישן — ביי די אידישע אַרבעטער, זיין ווירקונג אויף דער פאַרבעסערונג

פונם מאַטעריעלן און קולטורעלן מצב פונם אידישן פּראָלעטאַריאַט און צוזאַמען מיט דעם אויך אויף דער ענטוויקלונג פון די פּראָדוקטיווע כחות פונם גאַנצן תחום־אידנטום; זעהר אינטערעסאַנט איז אויך די פראַגע וועגן דעם צוזאַמענהאַנג צווישן דעם עקאָנאָמישן קאַמף אין תחום און צווישן דער ענטוויקלונג פון פאַרשידענע אידייאישע און פּאָליטישע שטרעמונגען ביי די אידישע אַרבעטער און ביים אינ־טעליגענטן פּראָלעטאַריאַט. די אַלע פראַגן וועלן אויסגעפאָרשט ווערן אין די ווייטערדיגע קאַפּיטלעך. די ערשטע סקיצע אַלס אַריינפיר — וועט זיך באַגרענצן מיט אַן׳אַלגעמיינעם סטאַטיסטישן איבערבליק איבער די עקאָנאָמישע קאָנפליקטן צווישן אַרבעט און קאַפּיטאַל אויף דער „אידישער גאַס“.

די קוועלן, וועלכע ס׳איז מיר אויסגעקומען צובאַנוצן, קענען נאָר אין אַ העכסט פאַרשידענער מאָס פרעטענדירן אויף פינקטליכקייט; וואָס אָנבאַלאַנגט פולקייט, קען מען זי אין קיין איינעם פון זיי ניט ערוואַרטן. אַלס גרינדליכער מקור האָבן מיר געדינט צאָלרייכע, אָפט אָרדנונגלאָזע באַריכטן וועגן אידישע אַרבעטער־שטרייקן און וועגן אַנדערע קאָנפליקטן אין דער ליטעראַטור פון בונד און פון אַנדערע אַרבעטער־פּאַרטייען, וואָס זענען טעטיג אין רוסלאַנד[9].

[9] צענטראַלע אָרגאַנען פון פּאַראיינען, „גרופּן“ און פּאַרטייען: „ראַבאָטניק“, „ראַבאָטשעיע דיעלאָ“, „ראַבאָטשעיע זנאַמיאַ“, „קראַסנאָיע זנאַמיאַ“, „איסקראַ“, „ווּפּעריאָד“, „פּראָלעטאַרי“, „רעוואָלוציאָנאַיאַ ראָסיאַ“, „ראַבאָטניק“, „אידישער ארבעטער“, „אַרבעטערשטימע“, „דער בונד“, פּאָסליעדניאַ איזוועסטיאַ“, „דער וועקער“ (אָרגאַן פונם בערשטער־פּאַראיין). אָרטיגע אָרגאַנען: „ראַבאָטשאַיאַ מיסל“ (פּעטערבורג) „ווּפּעריאָד“ (קיעוו), „יוזשני ראַבאָטשי“, „וואַרשעווער אַרבעטער“, „אייניגקייט“ (מינסק), „מינסקער אַרבעטער“, „ביאַליסטאָקער אַרבעטער“, דער ווילנער „קלאַסן־קאַמף“, „דווינסקער פלוגבלעטעל“, „גראָדנער פּאַבריקסבלעטל“, האָמעלער „קאַמף“, לאָדזער „פרייהייטסגלאָק“. — חוץ

די דאָזיגע באַריכטן פאַרמאָגען ביי זייער גאַנצער אָרדנונגאָזיקייט[1] גאר אַ גרויסע מעלה — אויפריכטיקייט און אָביעקטיוויטעט. געוועגליך מיינט מען, אַז אזעלכע באַריכטן זענען פול מיט איבערטרייבונגען; דאָס איז ניט ריכטיג: אויב עס טרעפט — אין פאַלן פון באַזונדער־אָנגעשטרענגטע קאָנפליקטן — אַז די ציפערן ווערן עטוואָס פאַרגרעסערט, ווערן זיי אָבער ניט וועניגער אפט אויך פאַרקלענערט; אין אַלגעמיין געפינען מיר אָבער אין זיי ניט קיין „קיילעכדיגע“, נאָר, פאַרקערט, זעהר פינקטליכע ציפערן. ס'איז גענוג דורכצוקוקן עטליכע עקזעמפלאַרן פון דער אָנגעוויזענער ליטעראטור, כדי זיך צו איבערצייגן אין דער ריכטיקייט פון מיינע ווערטער. — צוליב פארגלייכונגען האב איך מיך באנוצט מיט דער אָפיציעלער סטאַטיסטיק פון די שטרייקן אין רוסלאנד, אין פאַרשידענע לענדער פון מערב־אייראָפּע און אמעריקע. די חסרונות פון דער אָפיציעלער רוסלענדישער סטאַטיסטיק זענען אלעמען בעקאנט. איר הויפט חסרון איז איר ניט קלארקייט וועגן דעם באַגריף „פאַבריק־אונטערנעמונג“, דערצו נאך איר לאקאלע־באַגרענצטקייט (עס פעלן ידיעות וועגן אַזיאַטישן רוסלאַנד און וועגן אַ טייל פון אייראָפּייאישן); זי באַזירט אינגאַנצן אויף די באַריכטן פון

[1] דער פעריאָדישער ליטעראַטור, וואָס איז ערשינען אין משך 1896—1905 יאָר, האָב איך מיך באנוצט מיט באַזונדערע באריכטן, וואס זיינען אין פארשידענע צייטן ארויסגעגעבן געוואָרן וועגן דער אַרבעטער־באַוועגונג אין פאַרשידענע שטעט. — אין דער געבראכטער רשימה זענען אונטערגעשטריכן די אויסגאַבן, וואס געהערען צום בונד. דאָס איז אָבער נאָך ניט די גאַנצע פעריאָדישע ליטעראַטור פונם בונד. אין זיין ליטעראַרישער טעטיקייט האָט דער בונד איבערגעשטיגן די פּ. פּ. ס און די רוסישע ס.־ד.: ביז 1905 יאָר האָט ער אַרויסגעגעבן, חוץ אַ סך בראָשורן און אויפרופן אין הונדערטער טויזענטער עקזעמפלאַרן, נאָך אַריבער 380 פוד פעריאָדישער ליטעראַטור אויף רוסיש, פויליש און אידיש (בערך 5—6 טויזענט זייטלעך, in folio און in quarto).

דער פאַבריק־אינספעקטור, און דערפאַר פעלן ידיעות וועגן דער באַרג־אינדוסטריע, וועגן די מלוכה־אונטערנעמונגען און וועגן דער קליינער מלאכה־אינדוסטריע[10]. די דייטשע אָפיציעלע שטרייק־סטאַטיסטיק איז אפשר נאָך מער ווי די רוסישע דורכגעדרונגען מיט ביוראָקראַטישע און ספעציעל פאָליציייאישע טענדענצן, ווערט טיילווייז אַפילו אויבערפלעכליך געפירט, ווי עס ווייזט אַרויס יעדן יאָר די קריטיק, וואס די גענעראַלע קאָמיסיע פון די פראָפעסיאָנעלע פאַראיינען אין דייטשלאַנד פאַרעפנטליכט וועגן די אָפיציעלע סטאַטיסטישע באַריכטן. פיל וויסענשאפטליכער איז אַוועקגעשטעלט די סטאַטיסטיק פון די קאָנפליקטן צווישן אַרבעט און קאַפיטאַל אין עסטרייך, פראַנקרייך, ענגלאַנד און אין די פאַראייניגטע שטאַטן; ערגער — אין בעלגיען, האָלאַנד, שווייץ, איטאַליען און אין אַנדערע לענדער. (איינע פון די בעסטע קאָמפילאַציעס וועגן דער שטרייק־סטאַטיסטיק אין אַלע לענדער ווערט געגעבן אין דער מאָנאַטליכער אויסגאַבע פונם פראַנצויזישן אַרבעטס־ביוראָ „Bulletin de l'office du Travail“ אין פאַריז). — ענדליך, מאַטעריאַלן פאַר פאַרגלייכונגען גיבן די סטאַטיסטישע באַריכטן פון די צענטראַליזירטע פראָפעסיאָנעלע פאַראיינען אין פאַרשידענע לענדער פון אייראָפע; באַ דער גאַנצער ערנסטקייט און אַנדערע מעלות פון דער דאָזיגער סטאַטיסטיק, האָט זי שטענדיג אַ גרויסן חסרון: זי נעמט ניט אין אַכט די שטרייקן פון די ניט אָרגאַניזירטע אַרבעטער און אפילו פון אַזוינע, וואס

[10] אזוי אַרום זענען די אידישע אונטערנעמונגען און די אידישע שטרייקן כמעט ניט אריין אין דער אָפיציעלער סטאַטיסטיק פון די שטרייקן אין רוסלאַנד. נאָר דוקא די געלעגענהייט מאכט מעגליך די פאַרגלייכונג פון די ציפערן, וועלכע איך האָב באַקומען וועגן עקאָנאָמישן קאַמף פון די אידישע אַרבעטער מיט די ציפערן פון דער רוסלענדישער סטאַטיסטיק.

גייען יאָ אַריין אין אַ פּראָפעסיאָנעלן פאַראיין, אויב נאָר די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען זענען ניט פאַרבונדן מיט קיין צענטראַלער פּראָפעסיאָנעלער אָרגאַניזאַציע.

סוף כל סוף איז קיין שום סטאַטיסטיק ניט פריי פון טעותים און ניט פּינקטליכקייטן; פונדעסטוועגן וועט דאָך קיינער ניט אָפּלייקענען צוליב דעם דעם ווערט פון סטאַטיסטיק בכלל; חוץ דעם דאַרף מען זאָגן, אַז אין אַלגעמיין גענומען, געפינט זיך די שטרייק־סטאַטיסטיק אין פאַרהעלטניסמעסיג גוטע באַדינגונגען. פון די צוויי הויפּט־פאָרמען פון זאַמלען סטאַטיסטישע ידיעות—איבערשרייבונגען און פליסענדע רעגיסטראַציעס — געהערט די סטאַטיסטיק פון די שטרייקן און בכלל פון עקאָנאָמישע קאָנפליקטן צו דער צווייטער פאָרם, וועלכע מע האלט אין דער וויסענשאַפט פאַר מער זיכער. דאָס איז באַזונדער ריכטיג בנוגע אונזערע מקורות — די קאָרעספּאָנדענצן פון דער אַרבעטער־ליטעראַטור — ווייל די רעגיסטראַטאָרס (קאָרעספּאָנדענטן) האָבן זיך דאָך געפונען אין דער ענגסטער שייכות מיטן געגנשטאַנד, וועלכער איז זיי נאָהענט און באַקאַנט. חוץ דעם דאַרף מען באַמערקן נאָך עפּעס. פון די מאַטעריאַלן, וועלכע איך האָב געקאָנט אויסנוצן, האָט זיך מיר איינגעגעבן אַרויסצובאַקומען דירעקטע ידיעות וועגן 1.704 עקאָנאָמישע שטרייקן פון אידישע אַרבעטער, וואָס זענען פאָרגעקומען אין משך פון צען יאָר 1895—1904, און חוץ דעם נאָך אומבאַשטימטע ידיעות (וועגן זיי וועל איך ריידן נידעריגער) וועגן ווייניגסטנס 572 שטרייקן (פון זיי זענען 1.226 באַשטימטע און 447 אומבאַשטימטע פאָרגעקומען בלויז אין משך פון די צווייטע פינף יאָר 1900—1904); די צאָל פון די אָנטיילנעמער האָט זיך איינגעגעבן פעסטצושטעלן פאַר 1.127

שטרייקן מיט 110.000 אָנטיילנעמער (פון זיי 870 שטרייקן מיט 81.973 אָנטיילנעמער אין משך פון די צווייטע פינף יאָר). נעמענדיג אין באטראכט דעם קליינעם צאָל פונם גאַנצן אידישן פראָלעטאַריאַט אין תחום (מאַקסימום 450 טויזענט) זענען די געבראַכטע ציפערן גענוג גרויס, כדי מען זאָל זיי מעגן אויספרובן אויפן גרונד פון די הויפט־פרינציפן פון דער „וואַרשיינליכקייטן־טעאָריע“, וועלכע זענען באַקאַנט אונטערן נאָמען „טעותים אויסרעכנונג“. אין דער „טעותים־אויסרעכנונג“ ווערט דורכגעפירט אַן׳אונטערשיד צווישן סיסטע־מאַטישע און צופעליגע טעותים. אויב צום ביישפיל אין אַ חשבון, זאלן אין די צענער ברוכצאָלען אָפגעמעקט ווערן אַלע קאָמעס, אָדער ווען אַלע אויסמעסטונגען זאָכן געמאַכט ווערן מיט גלייך ניט גענויע אינסטרומענטן אָדער איינהייטן — וועלן די דאָזיגע טעותים הייסן „סיסטעמאַטישע“; אויב אָבער אין איינע ציפערן וועלן די קאָמעס פעלן לחלוטין, אין די אַנדערע אָבער, וועלן זיין איבריגע קאמעס, אָדער אין פאַל, ווען פארשידענע אויספאָרשער וועלן מעסטן מיט אינסטרומענטן און איינהייטן פון פאַרשידענער אומגענויקייט, אָדער גאָר ביי וואַקלענדיגע באַדינגונגען, וואָס ציען אמאל אין איין זייט, און אמאל אין דער אנדערער, וועלן די טעותים הייסן „צופעליגע“. קאָנטראָלירן צופעליגע טעותים — דאָס קען דער מאַטעמאַטישער אַנאַליז; אויף די סיסטעמאַטישע טעותים איז אָבער דער מאַטעמאַטישער קאָנטראָל ניט חל, דא מוז דער אויספאָרשער אליין אין זיין פריוואַטער ספערע זיי באַמערקן און אויף וויפיל ס׳איז נאָר מעגליך, באַזייטיגן זייערע סבות.

אַלס אילוסטראַציע וועלן מיר דורכפירן אַ פארגלייך צווישן דער רוסלענדישער אָפיציעלער סטאטיסטיק פון האנדעל און מאַנו־

פאַקטור־דעפּאַרטאַמענט און צווישן דעם באַקאַנטען „זאַמעלבוך פון מאַטעריאַלן וועגן דער עקאָנאָמישער לאַגע פון די אידן אין רוסלאַנד“, וואס ס'האט ארויסגעגעבן יק"א. אגב איז טאקי פאר אונזער ענין דער פארגלייך זעהר וויכטיג. די קאָרעספּאָנדענטן פון דעם יק"א־זאמעלבוך האָבן געזאַמעלט זייערע ידיעות אָן אַ באַשטימטען סיסטעם, אַ ריכטיגן אדער אַ פאַלשען. יעדער פון זיי האָט געאַרבעט לויט זיין אייגענער שיטה אין רעגיסטראַציע, אָן קיין שום אויסגעארבייטען מעטאָד, אָן קיין וויסענשאַפטליכן קריטעריום. די ידיעות פונ'ם זאַמעלבוך ווימלען מיט אָרדנונגלאָזע גרייזן און טעותים; וויכטיג איז אָבער, אַז די אַלע טעותים זענען צופעליגע, הייסט עס, אַז ביי אַ געוויסן קריטישן געפיל, ביי אַ געוואוינהייט צום וויסענשאפטליכן דענקן, קען דער אויספארשער מיט גרויס נוצן אפערירען מיט דעם כאַאָטישן מאַטעריאַל. אין די אָפיציעלע רוסלענדישע באַריכטן געפינט זיך, פאַרקערט, אַ גאַנצע ריי פון סיסטעמאטישע טעותים: אַלס סימן פון אַ פאַבריק־אונטערנעמונג, אין געגענזאץ צו אַ ווארשטאַט, ווערט אנגענומען דער פאטענט, דאָס קאַנצעלאַרישע פאַפירל, און ניט איר טעכנישע אויפבוי. אין פארשידענע צייטן האָבן די מיניסטאָרישע צירקולארן פֿעסטגעשטעלט פארשידענע באַגריפן פון אַ פאַבריק־אונטערנעמונג א. א. וו. מען קען זאָגן, אז אין די באַריכטן זענען אַלע רעאַלע קאָמעס פארשמירט געווארן מיט ביוראָקראטישער פארב און, אַ דאַנק די סיסטעמאַטישע פאַרפלאָנטערונגען, איז ניטא קיין שום מעגליכקייט פון אַ מאַטעמאַטישער קאָנטראָל. בנוגע דעם וויסענשאפטליכן ווערט שטעהען די ידיעות פונם יק"א־זאמעלבוך פיל העכער פון דער אָפיציעלער סטאַטיסטיק. בפרט, ווען מען באַנוצט זיי ניט ווי אַ

פאַרטיגן פּראָדוקט· נאָר ווי רוישטאָף פאַר אַ וויסנשאַפטליכער באַאַרבעטונג·

וואָס אָנבאַלאַנגט די צופעליגע טעותים· זענען פעסטגעשטעלט פאָלגענדע כללים: 1· אַ גרויסן טעות איז שווערער צו מאכן איידער אַ קליינעם; הייסט עס· וואָס דער טעות איז קלענער· איז ער אלץ מעגליכער; 2· פון ווידערשפּרעכיגע אויסמעסטונגען מיט אייגאונדער־זעלבער מאָס וועלן מיר געפינען די זיכערסטע· נעמענדיג דאָס מיטלע אַריטמעטישע פון די אויסמעסטונגען· ד· ה· צוטיילענדיג זייער סומע אויף זייער צאָל[11]; מיטן וואַקסן פון דער צאָל (צופעליגע) טעותים שטרעבט זייער אלגעמיינע סומע צו נול· ד· ה· וואָס מער (צופעליגע) טעותים· אלץ גרעסער איז די מעגליכקייט· אַז זיי זאָלן איינער דעם צווייטן פאַרניכטן און דער אַלגעמיינער סך־הכל זאָל גאַנץ נאָהענט צוקומען צום „אמת“· — פון די אויסגערעכנטע סטאַטיסטישע כללים וואקסט אַרויס דער געזעץ פון „די גרויסע צאָלן“ און „מיטלע גרויסן“· לויט וועלכן פון אַסך זעהר ניט קיין פּינקט־ליכע באַאָבאַכטונג איבער קליינע און באזונדערע צאלן באַקומט זיך זעהר אַ פּינקטליכע גרויסע צאָל· און די מיטלע גרויסן און רע־לאַטיווע (געוועגליך· אין פּראָצענטן) ציפערן אַנטשפּרעכן אין דער גרעסטער מאָס דער ווירקליכקייט· דאָס אלץ איז ריכטיג נאָר דענסטמאל· ווען מ׳קען אננעמען· אז ס׳איז ניטאָ קיין סיסטעמאַטישע טעותים·

[11]) דאָס איז דער באַדייטונגספולער און לויט זיין פשוטקייט און פרוכטבארקייט אויסגעצייכענטער כלל פון האַאוס· וועלכער לאָזט זיך אפילו ניט שטרענג באַגרינדען, וועלכער ווייזט זיך אָבער שטענדיג אין דער ערפאַרונג ארויס אלס ריכטיג און שטיצט זיך אויף אַ ניט דירעקטער מאַטעמאַטישער אַרגומענטאַציע·

רעכנענדיק זיך דערמיט, פאַרלאָז איך מיך רוהיג אויף די קאָרעספּאָנדענצן וועגן די אידישע אַרבעטער־שטרייקן אין דער ליטעראַטור פון די פּראָלעטאַרישע פּאַרטייען: נ י ט ק ו ק ע נ ד י ג אויף דעם, וואָס די דאָזיגע ידיעות קענען, יעדע באַזונדער, זיין ניט פּינקטליך און ד ע ר פ א ר, וואָס זייער אַלגעמיינער סך־הכל גיט גרויסע צאָלן. פון דער צווייטער זייט האָב איך אומעטום געזוכט באַזייטיגן די סיסטעמאטישע טעותים, איבערלאזענדיג די צופעליגע אויף זייער אייגענער מאַטעמאַטישער שפּיל, וואס פּירט ממילא צום „אמת" לויט די אָנגעוויזענע כללים. און אויב אין אייניגע פאַלן וועט זיך איינגעבן צו באַקומען א י י נ אַ ר ט י ג ע ר ע ז ו ל ט אַ ט ן; אויב איך וועל, חוץ דעם, קענען רעכנען, אז ס'זענען באַזייטיגט געוואָרן די סיסטעמאַטישע טעותים (ווען ניט, וואלט מען געקאָנט די איינאַרטיקייט פון די אויספירן ערקלערן דורך דער איינאַרטיקייט פונם מעטאָדישן פעלער) וועט עס דינען אַלס באַווייז, אַז די צופעליגע טעותים האָבן איינער דעם אנדערן מבטל געמאכט, און אז צווישן אל־די פארשידענע „באַאָבאַכטונגס־פעלערן" האט זיך דורכגעשלאָגן און אַנטפּלעקט ד י אָ ב י ע ק ט י ו ו ע ג ע ז ע צ ל י כ ק י י ט.

געוויס, האָבן מיר ניט אין דער ליטעראַטור פון דער אַרבעטער־באַוועגונג קיין ידיעות וועגן אַ ל ע קאָנפליקטן צווישן אַרבעט און קאַפּיטאַל, וואָס זענען פּאָרגעקומען אין תהום: נאָר דאָס איז אַן אומפאַרמיידליכער חסרון פון יעדער שטרייק־סטאַטיסטיק. פיל אומאַנגענעמער איז, וואָס ס'איז איצט זעהר שווער צו קריגן די דאָזיגע ליטעראַטור. פון בערך 700 פּעריאָדישע אויסגאבן, וואָס האָבן אַ שיכות צו מיין טעמע, זענען געבליבן פאַר מיר אומדער־

גרייכבאַר אַרום 60 (צווישן זיי אַרום 30 בונדישע אויסגאַבן). דאָס איז אַגרויסער חסרון אין מיינע ידיעות.

אין אייניגע פון די באַטראַכטע פראַגן איז אויסגעקומען צוליב פּינקטליכקייט אַבזאָגן זיך פון דער פולקייט: אַזוי אַשטייגער אין דער פראַגע וועגן די רעזולטאַטן פון די קאָנפליקטן, וועגן זייערע סבות און פאָדערונגען. אין אַזעלכע פאַלן האָב איך געלאָזט אין דער זייט אַלץ, וואָס איז געווען צווייפעלהאַפט, און האָב מיך גערעכנט נאָר מיט פּינקטליכע ידיעות. אין אַנדערע פראַגן איז די פולקייט געווען וויכטיגער איידער די פּינקטליכקייט: אַזוי אַשטייגער אין דער פראַגע וועגן פאַרנעם פון דער גאַנצער ארבעטער-באַוועגונג אין תחום אָדער וועגן דער אַלגעמיינער צאָל פון די פאַרלוירענע אַרבעטסטעג. אין אַזוינע פאַלן האָב איך מיר ערלויבט טיילווייז צו דערפילן די דירעקטע ידיעות אויפן סמך פון זייטיגע אָדער ניט קיין באַשטימטע ידיעות, טיילווייז אויס-קלייבן צווישן ווידערשפּרעכיגע ידיעות פון פאַרשידענע קוואַלן. כדי צו באַזייטיגן דערביי יעדן ווילקיר, האָב איך ניט געמאַכט אַזוינע השערות, וואָס וואָלטן אונטערשטיצט מיינע אַלגעמיינע אויספירן און האָב שטענדיג אַזוי געטון: איך האָב פאַרגליכען דעם סכום השערות, וואָס כ׳האָב געמאַכט, מיטן אַלגעמיינעם סך־הכל, און אויב די השערות האבען אונטערשטיצט אָדער פאַרשטאַרקט דעם ווערט פון מיינע אויספירונגען, האָב איך די השערות אָפּגעוואָרפן, און כ׳האב איבערגעלאזן נאָר יענע, וועלכע זענען פאַר מיינע אויספירונגען געווען נייטראַל אָדער גאָר ניט גינסטיג. איך חזר איבער, אַז די געבליבענע השערות באַזירן אויף זייטיגע אָדער אומבאַשטימטע

ידיעות און זענען געמאַכט נאָר אין די פאַלן, וואו די פולקייט איז געווען וויכטיגער איידער די פינקטליכקייט[12].

אַ קלאָרן ביישפּיל, וועגן וועלכן ס'וואָלט סיי ווי אויסגעקומען צו דערציילן באריכות, איז כדאי דא צו ברענגען. נאָר וועגן איין דריטל פון די פאַררעגיסטרירטע קאָנפליקטן זענען פאַראַן פולע ידיעות, ד. ה. די קאָרעספּאָנדענטן האָבן אָנגעוויזן אי די צייט פונם שטרייק, אי די פּראָפעסיע פון זיינע אָנטיילנעמער, אי זייער צאָל, אי דעם דויער, אי די סבה, אי די פאָדערונגען, אי דעם אויסגאַנג פון די קאָנפליקטן. אין די איבריגע פאַלן פעלן אייניגע פון די דאָזיגע ידיעות, אָדער זענען אָנגעוויזן אומדירעקט. אַ גאַנץ פערטעל פון אַלע קאָנפליקטן איז אָנגעוויזן אינגאַנצן אומבאַשטימט; ס'ווערט אַשטייגער געזאָגט: „ביי אונז קומט פאָר (אָדער איז פאָרגעקומען) אַ ריי שטרייקן", אָדער „אַ גאַנצע ריי שטרייקן", אָדער „אַסך שטרייקן", „וואָס לאָזן זיך ניט רעגיסטרירן" א. א. וו. דאָ בלייבט אַמאָל אומבאוואוסט אפילו די פּראָפעסיע פון די שטרייקענדע, על כל פנים בלייבט אומבאוואוסט די צאָל פון די שטרייקן. פונדעסטוועגן האָב איך ניט גערעכנט פאַר מעגליך זיך לחלוטין ניט צו רעכנען מיט אַזוינע אומבאשטימטע אנווייזונגען: איך האָב אָנגערעכנט אזעלכע 151 שטרייקען פאַר די

[12]) וועגן אט די השערות וועל איך דערציילן ווייטער. דערווייל וועל איך נאָר באַמערקן, אַז ס'זיינען געווען אַרום 20 פאַלן, ווען פארשידענע קוואַלן האָבן געגעבן פאַרשידענע ידיעות וועגען דעמזעלבן פאַקט, האָבן פאַרשידן באַשטימט דעם דויער פון אַ שטרייק אָדער די צאָל אָנטיילנעמער; אין אַזעלכע פאַלן האָב איך געזוכט קלאָר צו מאַכן, וועלכע אָנווייזונג איז זיכערער: אַשטייגער ידיעות פון אָרטיגע אָרגאַנען זענען זיכערער, איידער ידיעות פון צענטראַלע אָרגאַנען; אָדער כ'האָב גענומען דאָס מיטלע אַריטמעטישע פון פאַרשידענע צאָלן.

צען יאָר 1904—1895! וויפיל קאָנפליקטן, וויפיל אַרבעטער, וואָס האָבן געקעמפט פאַר אַ בעסער מזל, באַהאַלטן זיך אונטער די „רייען" און „גאנצע רייען" און „אַ סך" שטרייקן, „וואָס לאָזן זיך ניט באַרעכנען"? מע קען דאָך ניט ארויסוואַרפן הונדערטער שטרייקן און טויזענדער אַרבעטער! האָב איך געמוזט אָנווענדן אַ באַזונדער מיטל — דאָס מינימאַלע באַרעכנען פון די אומבאַשטימטע אָנווייזונגען: יעדע „ריי שטרייקן" (און „עטליכע שטרייקן") איז פאַררעכנט געוואָרן פאַר 3 שטרייקן, „אַ גאַנצע ריי" — פאַר 5, „אַסך שטרייקן" (און „אָפטע שטרייקן") אין איין פּראָפעסיע — פאַר 8, אין פאַרשידענע פּראָפעסיעס — פאַר 10, „זעהר אַסך שטרייקן" אין איין פּראָפעסיע — 10, אין פילע פּראָפעסיעס — פאַר 15, „שטרייקן אָן אַ שיעור (לאָזן זיך ניט באַרעכנען)" אין איין פּראָפעסיע—פאַר 15, אין פילע פּראָפעסיעס—פאַר 20 [13]) אויף אַזאַ אופן האָב איך פון 98 אומבאַשטימטע אָנווייזונגען געקריגן 572 שטרייקן מינימום; קיינער וועט ניט זאָגן, אַז רעכענען ווענינער ווי 6 שטרייקן אויף איין אומבאַשטימטע אָנווייזונג דורכשניטליך — איז אַנ'איבערטריבענע השערה. נאָך מער, פאַר די צווייטע פינף יאָר (1904—1900), וועגן וועלכע כ'האָב געהאַט די מער גענויע ידיעות, האָב איך אָנגערעכנט 79 אומבאַשטימטע אָנווייזונגען, וועלכע כ'האָב פאַררעכנט מינימום פאַר 447 שטרייקן; פון זיי פאַלן 13 אומבאשטימטע אָנווייזונגען —

13) אַזוי ווי די קאָרעספּאָנדענטן פון די גרויסע שטעט האָבן באַוויזן, אַז זיי קענען געבן די גענויסטע באַריכטן וועגן 25, 30 און אפילו 40 שטרייקן מיט אַמאָל, ד. ה. אַז אפילו 40—25 קאָנפליקטן האָבן פאַר זיי פאָרגעשטעלט אַ סכום, וואָס לאָזט זיך זעהר גוט באַרעכנען, — האָב איך בשום אופן ניט איבערטריבן, אָננעמענדיג די "אָן אַ שיעור"־סכומים פאַר 15 און 20: אַזעלכע אומב. אָנווייזונגען האָב איך געטראָפן נאָר אין די קאָרעספּאָנדענצן פון גרויסע שטעט (ביאַליסטאָק, לאָדז, ווילנע, זשיטאָמיר א. א. וו.).

די ה׳ 17 שטרייקן — אויף מלאכה־פּראָפעסיעס; $13^1/_2$ אומבאַשטימטע אָנווייזונגען, — די ה׳ 55 שטרייקן — אויף פאַבריק־פּראָפעסיעס; $7^1/_2$ אומבאַשטימטע אָנווייזונגען — 33 שטרייקן — אויף האַנדעל־ און טראַנספּאָרט־פּראָפעסיעס, און, ענדליך, 43 אומבאַשטימטע אָנווייזונגען — די ה׳ 292 שטרייקן — אויף אומבאַשטימטע ווירט־שאַפט־צווייגן. הייסט עס, אַז דורכשניטליך האָב איך גערעכנט 4 שטרייקן אויף איין אומבאַשטימטע אָנווייזונג דאָרט, וואו די פּראָפעסיע איז געווען באַוואוסט, און בערך 7 שטרייקן אויף אַזאַ אומבאַשטימטע אָנווייזונג, וואו די פּראָפעסיע איז ניט אָנגעגעבן. דאָס איז דאָך שוין גאָר קיין ספק ניט. — חוץ דעם איז געווען 53 אַזעלכע אומבאַ־שטימטע אָנווייזונגען, וועלכע כ׳האָב פּשוט אָנגענומען פאַר 53 שטרייקן, רעכנענדיג „א ריי״ און „אַ גאַנצע ריי שטרייקן״ נאָר פאַר איין שטרייק; ווייל די דאָזיגע פאַלן זענען גאָר באַזונדערע, וועלן מיר נאָך רעדן פון זיי ווייטער.

די 572 שטרייקן מינימום, וועלכע כ׳האָב באַקומען פון 98 אומבאַשטימטע אָנווייזונגען דורך זייער מינימאַלן באַרעכנען, וועל איך רופן אומבאַשטימט אָנגעוויזענע שטרייקן; אַלע איבריגע (צווישן זיי אויך די נאָר וואָס דערמאָנטע 53 שטרייקן פון אַ באַזונדערן מין) וועל איך רופן באַשטימטע שטרייקן.

מיט׳ן מינימאַלן באַרעכנען פון די אומבאַשטימטע אָנווייזונגען האָב איך מיך באַנוצט נאָר אין די ווייניגע פאַלן, ווען די פולקייט איז געווען וויכטיגער, איידער די פּינקטליכקייט. דאָרט אָבער, וואו כ׳האָב אונטערגערעכנט די רעזולטאַטן פון די שטרייקן, זייער פאַר׳עקשנ׳טקייט און סבות, די סאָלידאַריטעט און די פאָדערונגען פון די אַרבעטער, האָב איך לחלוטין איגנאָרירט די אומבאַשטימטע

אָנווייזונגען, האַלטנדיג, אַז דאָ איז די פינקטליכקייט וויכטיגער, איידער די פולקייט.

די ערשטע שטרייקן פון די אידישע אַרבעטער געהערן צו די 70־ער און 80־ער יאָרן פון פאָריגן יאָרהונדערט. אין דער אַזוי צו זאָגן פראָהיסטאָרישער צייט האָבן די קאָנפליקטן צווישן אַרבעט און קאַפּיטאַל געטראָגן אַ שטורעמדיגן און צושטערנדיגן כאַראַקטער פון מאסן־אומרוהען און בונטן[14].

אין איר סטיכישער פאָרם איז די אידישע אַרבעטער־באַוועגונג כמעט אויף אַ האַלבן יאָרהונדערט יונגער איידער די באַוועגונג אין צענטראַל־רוסלאַנד (די ערשטע בונטן און אפילו שטרייקן פון די רוסלענדישע אַרבעטער זענען פאָרגעקומען אין די 30־ער און 40־ער יאָרן פונם XIX יאָרהונדערט; אייניגע אומרוהען אויף מלוכה'שע און פריצישע פאַבריקן געהערן נאָך צום XVIII יאָרהונדערט). פון פרימיטיווע בונטן גייען די אידישע אַרבעטער איבער צו אַ מער באַוואוסטזיניגער און פלאַנמעסיגער באַוועגונג צום סוף פון די 80־ער יאָרן: אין 1887 יאָר קומט פאָר דער בהדרגה'דיגער וועבער־שטרייק אין ביאַליסטאָק, וואו די אַרבעטער, אָן שום אָנטייל פון אַ פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע, האָבן אוועקגעלעגט די אַרבעט אין איין אונטערנעמונג נאָך דער צווייטער, לכתחילה אויסרעכענענדיג, אַז מיט איין מאָל זאָל ניט שטרייקן מער ווי עטליכע צענדליג אַרבעטער; דאָס האָט געגעבן די מעגליכקייט די איבריגע גרינג אונטערצוהאַלטן די שטרייקענדע. אין 1888טן יאָר ערשיינען

[14]) באַזונדער אָפט און שטורעמדיג זענען געוועזן די בונטן פון די וועבער אין ביאַלעסטאָק: מ'האָט געקעמפט קעגן פאַרקלענערן די לוין־אָפּשאַצונג, קעגן איינפירן פון מאַשינען, פאַבריקביכלעך א. א. וו. זעה "ביאַלעסטאָקער אַרבעטער" 1.

שטרייק־קאַסעס אין ווילנע, אין 95—1891 צוגיסט זיך די באַוועגונג איבערן גאַנצן צפון־מערב־קאַנט און שטעלט זיך צו דער צווייטער העלפט פון די 90־ער יאָרן אונטער דער אָנפירונג פון סאָציאַל־דעמאָקראַטישע גרופן און קאָמיטעטן, וועלכע גיסן זיך צונויף אין 1897 יאָר אין „אַלגעמיינעם אידישן אַרבעטער־בונד אין רוסלאַנד און פוילן (בונד)". אין די יאָרן 1901—1900 וואַרפט זיך איבער די אידישע אַרבעטער־באַוועגונג אויפן דרום און דרום־מערב, און, פאַראייניגענדיג זיך מיטן קעגנשטראָם, וואָס גייט פון אָדעס, קיעוו און יעקאַטערינאָסלאַוו, כאַפּט זי אַרום דעם גאַנצן תחום[15]. אויב ס'איז אין אַלגעמיין ריכטיג, אַז ניט אַגיטאַציע איז די סבה פון דער אַרבעטער־באַוועגונג, איז עס באַזונדער ריכטיג בנוגע דעם אידישן פּראָלעטאַריאַט. די אַרבעטער האָבן באַנוצט דעם פּערזענליכן באיקאָט און דעם סחורה־באָיקאָט נאָך אין 1899 און 1900 יאָר, די בונדישע אָרגאַניזאַציע האָט אים אויסגענוצט ערשט אין 1901 יאָר; די אידישע אַרבעטער האָבן יאָרנלאַנג אָנגעווענט סאַבאָטאַזש (קאַליע מאַכן מאַטעריאַלן און פּראָדוקטן) און פלעגן פּראַקטיקירן Ca canny ביז די בונדישע אָרגאַניזאַציע האָט באַמערקט די מאוסקייט און שעדליכקייט פון די דאָזיגע קאַמפמיטלען און האָט געזען זיי צו פאַרווערן[16].

---

[15]) אויפן דרום האָבן די אידישע אַרבעטער געפירט זייער עקאָנאָמישן קאַמף אונטער דער אָנפירונג פון די רוסל. ס.־ד. נאָך אין סוף די 90 יאָרן.

[16]) פּערזענליכער באָיקאָט הייסט, אַז די אַרבעטער באָיקאָטירן דעם אונטערנעמער, ניט צולאָזנדיג קיינעם צו דער אַרבעט, אין זיין אונטערנעמונג; דער סחורה־באָיקאָט איז געווענט קעגן די פּראָדוקטן, וואָס ווערן אויסגעאַרבעט אין דער אונטערנעמונג, וועלכע ווערט באָיקאָטירט. — Ca canny — אַזוי רופן די ענגלענדער (אויף סקאַטיש: „אייל ניט") אַ באַזונדער מין סאַבאָטאַזש: מע אַרבעט אַזוי לאַנגזאַם, אַז, צוליב דער קינסטליך

אין קומענדן קאַפּיטל הויב איך אָן די באַשרייבונג פון דער דאָזיגער באַלערנדער באַוועגונג, זיך באַנוצנדיק מיטן סטאַטיסטישן מעטאָד. די ציפערן פון דער פאָרליגענדער שילדערונג נעמען אַרום די עקאָנאָמישע שטרייקן פון די אידישע אַרבעטער (צווישן זיי אַ פּאָר סאָלידאַריטעט־שטרייקן — ווען די אַרבעטער, ניט אַרויסשטעלנדיק פאַר זיך קיין שום פאָדערונג, האָבן געשטרייקט אויסשליסליך כדי אונטערצוהאַלטן די איבריגע חברים — און 12 פאַלן, ווען דער שטרייק האָט אָנגענומען די פאָרם פון פּערזענליכן באָיקאָט); אַהער זענען, הייסט עס, ניט אַריינגערעכנט געוואָרען לאָקאַאוטן סאַבאָטאַזש, פאַלן פון סחורה־באָיקאָט און „געוואַלט־שטרייקן" (ווען די אַרבעטער פאַרבעסערן זייער אַרבעטערבאַדינגונגען מיט געוואַלט, שטרייקן פון ערשטען מאי און פּאָליטישע שטרייקן, און אויך שטרייקן פון בעלי־מלאכות — פאַרמיטלער, ווען זיי האָבן געשטרייקט (געגן די קרעמער אָן זייערע אַרבעטער). איך האָב אונטערגערעכנט נאָר די שטרייקן, ווען די אידישע אַרבעטער האָבן אין די באַרירטע אונטערנעמונגען אויסגעמאַכט די מערהייט פונם פּערסאָנאַל אָדער דעם גאַנצן פּערסאָנאַל; די אַרבעטער ניט אידן האָב איך אומעטום, וואו ס'איז נאָר מעגליך געווען, באַזייטיגט פון מיינע חשבונות (אוממעגליך איז עס געווען אין 23 פאַלן, פון זיי איין שטרייק מיט 10 טויזענד אָנטיילנעמער, די איבריגע פאַרהעלט־

---

פאַרקלענערטער פּראָדוקטיוויטעט, הויבן זיך שטאַרק די הוצאות אויף דער פּראָדוקציע און דאָס נויט דעם קאַפּיטאַליסט, ער זאָל זיך פאַראינטערעסירן מיטן וואונש פון די אַרבעטער. דאָס איז אַ שטילע מלחמה, וואָס ווערט דעם אונטערנעמער ניט ערקלערט, נאָר וועלכע לאָזט זיך פילן מיט דער צייט. די בערשטער פונם צפון־מערב־קאַנט רופן עס: „טאַנדעט די אַרבעט", „שטרייקן ביי דער אַרבעט" „שטרייקן ביים קאַם" (די בערשטער אַרבעטן מיט אַ גרויסן קאַם). אַנדערע אידישע אַרבעטער רופן עס „שטומער שטרייק".

ניסמעסיג קליינע). דער אויסגעפּאָרשטער פּעריאָד באשטייט פון די צען יאָר 1904—1895 ; דאָס איז די עפּאכע פון ערב־רעוואלוציע, וועל־כע האָט זיך פאַרענדיגט מיטן 9־טן יאַנואַר 1906 יאָר. דער ראַ־יאָן פון דער אויספאָרשונג איז — 15 גובערניעס פונם תחום, 10 פוילישע גובערניעס און 5 שטעט, וואָס ליגן יורידיש אויסערן תחום, געהערן אָבער עקאָנאָמיש צו אים: דאס זיינען ריגע, ליבאַווע, סמאָ־לענסק, קיעוו און סעוואַסטאָפּאָל.

---

II.

# דער פאַרנעם פון דער אידישער אַרבעטער־באַוועגונג·

### I טאַבעלע: די טיילונג פון דער שטרייק באַוועגונג לויט די יאָרן·

| דאָס יאר ווען די שטרייקן האָבן זיך אָנגעהויבן | באַשטימטע שטרייקן | אומבאַשטימט אָנגעוויזענע שטרייקן (מינימום) | סך הכל פון די שטרייקן (מינימום) | די צאָל אָנטיילנעמער איז באוואוסט ווען: שטרייקן | די צאָל אָנטיילנעמער איז באוואוסט ווען: מיט אָנטיילנעמער |
|---|---|---|---|---|---|
| 1895 | 66 | — | 66 | 63 | 4.165 |
| 1896 | 45 | 6 | 51 | 12 | 1.027 |
| 1897 | 78 | 6 | 84 | 33 | 8.378 |
| 1898 | 76 | 43 | 119 | 43 | 4.432 |
| 1890 | 130 | 47 | 177 | 83 | 8.985 |
| פאר די ערשטע 5 יאר | 478 (17 | 125 (17 | 603 (17 | 257 (17 | 28.127 (17 |
| 1900 | 234 | 17 | 251 | 175 | 12.300 |
| 1901 | 371 | 46 | 417 | 273 | 15.157 |
| 1902 | 295 | 136 | 431 | 202 | 16.424 |
| 1903 | 229 | 97 | 326 | 151 | 34.726 |
| 1904 | 87 | 77 | 164 | 65 | 3.319 |
| פאר די צווייטע 5 יאר | 1.226 (17 | 447 (17 | 1.673 (17 | 870 (17 | 81.973 (17 |
| פאר אלע 10 יאר | 1.704 | 572 | 2.276 | 1.127 | 110.100 |

[17]) די פינפיעריגע סומען גלייכן זיך ניט מיט די סומען פאַר באזונדערע יאָרן דער־
פאַר, ווייל אין די ערשטע זענען אַרייַנגערעכנט אויך אַזוינע שטרייקן, פאַר וועלכע ס׳האָט

דער גאַנצער פעריאָד (1904—1895) איז צוטיילט געוואָרן אויף צוויי טיילן צו פינף יאָר. איך האָב שוין געזאָגט, אַז פון דער ליטע־ראטור וועגן דעם מין איז מיר אַ טייל געבליבן אומדערגרייכבאַר, — דער עיקר פעלן מיר ידיעות וועגן די ערשטע 5 יאָר, וויל איך דער־פאַר ווייטער ווייניגער באַרירן די דאזיגע צייט און וועל אויספאָרשן הויפּטזאכליך די צווייטע 5 יאָר. — אין משך פון די צווייטע פינף יאָר איז אין תחום פאָרגעקומען ווייניגסטענס 1673 שטרייקן פון אידישע אַרבעטער; אויב מיר זאלען רעכנען אין יאָר 300 אַרבעטס־טעג, וועט עס הייסן, אַז דורכשניטליך פלעגט אין תחום אויסברעכן מער ווי צו איין שטרייק יעדן טאָג; יעדן טאג איז ערגיץ־וואו אוועקגעלייגט גע־וואָרן די אַרבעט. און דאָס איז דער מינימום! אין תחום, צווישן אַ באַ־פעלקערונג, וואָס דערגרייכט קוים 5 מיליאָן, און ביי זעהר ניט קיין הויכער אַנטוויקלונג פון דער קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוקציע! כדי צו פאַרגלייכן, דאַרף מען דאָ נעמען אַזעלכע קליינע לענדער, ווי שווייץ און בעלגיען. אין דער שווייץ איז פאַר די יאָרן 1900—1860 ד. ה. פאַר 41 יאָר, פאַררעגיסטרירט געוואָרן סך־הכל 1001 שטרייק,

---

זיך ניט איינגעגעבן פעסטצושטעלן קיין מער פּינקטליכע כראָנאָלאָגיע: פאַר די ערשטע 5 יאָר 83 באַשטימט און 23 אומבאַשטימט אָנגעוויזענע שטרייקן מיט 1140 אָנטיילנעמער, פאַר די צווייטע 5 יאָר — 10 באַשטימט און 74 אומבאַשטימט אָנגעווי. שטר., פון זיי 4 שטר. מיט 47 אַנטיילנעמער, — לויט די יאָרן זענען אויסגערעכנט יענע שטרייקן, וועלכע האָבן זיך אין דעם געגעבענעם יאָר אָנגעהויבן, אפילו ווען געענדיגט האָבן זיי זיך אין פאָלגענדן יאָר. אין די פאַלן, ווען דער שטרייק איז פאַרגעקומען ווינטער, און ס׳איז ניט אָנגעוויזן, צו וועלכן פון די צוויי שכנות׳דיגע יאָר דער ווינטער געהערט האָב איך אים צוגערעכנט צום פאַרגאַנגענעם און ניט צום קומענדן יאָר (אַזעלכע פאַלן איז געווען: 34 שטרייקן באַשטימטע און 37 אומבאַשטימט אָנגעוויזענע).

דורכשניטליך 25 שטרייק אַ יאָר, אין יאָר 1900—1882 שטרייקן, אין 1903־טן — 43. אין בעלגיען איז פאָרגעקומען פאַר די יאָרן 1904—1900 ארום און ארום 487 שטרייקן, כמעט פיר מאָל ווע־ניגער, ווי אויף דער „אידישעד גאַס", און ביי אַ באַפעלקערונג, וואָס איז אַנדערטהאַלבן מאָל גרע־סער, און באַ באַדינגונג פון אַ העכסט אינטענזיווער קאַפּיטאַליס־טישער אינדוסטריע. אין גאַנצן אייראָפּייאישן רוסלאַנד, מיטן תחום אינאיינעם, האָט דער אָפיציעלע סטאַטיסטיקער, דער פאַבריק־רעוויזאָר ווי. יע. וואַרזאַר פאַררעגיסטרירט פאַר די יאָרן 1904—1900 ניט מער ווי 1030 אונטערנעמונגען, וואו ס'איז פאָר־געקומען אַ שטרייק.[18] פאַרשטייט זיך, אַז די אָפיציעלע ידיעות זענען מער ווי ניט גענוג. מען דאַרף אָבער באַמערקן, אז אין אָפּי־ציעלן סך־הכל געהען אַריין כמעט אלע גרויסע אונטערנעמונגען, און די שטרייקן אין צענטראַלן רוסלאַנד און אין פוילן האָבן דאָך גאָר ניט באַרירט קיין אנדערע אונטערנעמונג, חוץ די גרויסע. די קליינע ווערקשטיבער, וועלכע זענען נאַטירליך, ניט אַריין אין ה' וואַרזאַרס מאַטעריאַלן, זענען פאַרכאַפּט געוואָרן דורך דער באַוועגונג נאָר אין תחום ביי די אידן, און נאָך אויפן קאַווקאַז ביי די גרוזינער. קוקט איר דורך די גאַנצע ליטעראַטור פון די רוסלענדישע ארבעטער־פּארטייען ביזן 9־טן יאַנואַר 1905 יאָר, וועט איר, ביי הונדערטער שטרייקן אין דער גרוי־

[18]) די אָפיציעלע רוסל. סטאַטיסטיק רעכנט צונויף ניט די שטרייקן, נאָר די אונטער־נעמונגען, וואו מע שטרייקט, ניט קוקענדיק אויף דעם, וואָס אָפט כאַפּט אַרום איין שטרייק עטליכע אונטערנעמונגען. אַזוי אַרום איז אין די באַריכטן פון דער פאַבריק־אינספעקציע פאַררעגיסטרירט געוואָרן שטרייקן פיל ווייניגער ווי 1.030.

סער פאַבריק־אינדוסטריע, קוים אָנרעכנען אַ פּאָר צענדליג בעלי־מלאכה׳שע שטרייקן אין צענטראַל־רוסלאַנד, אין וואָלגער און דרום־געגנד, אין פּוילן און אין דעם באַלטישען קאנט; און נאָר ביי די אידן און ביי די גרוזינער וועט איר אויף יעדן טריט טרעפן שטריי־קענדע בעלי־מלאכה׳עס און האַנדעל־אָנגעשטעלטע. הייסט עס, אַז ה׳ וואַרזאַרס ציפערן קען מען רעכנען כמעט פאַר ריכטיגע און גיל־טיגע צום פאַרגלייכן מיטן תחום, און אויב ביי אים פעלן די באַרג־און מלוכה־אונטערנעמונגען און נאָך אַ פּאָר צענדליג בעלי־מלאכה׳שע שטרייקן אין צענטראַלן רוסלאַנד און אין פוילן, האָב איך, פון דער צווייטער זייט, ניט געוואוסט וועגן אַ סך שטרייקן פון אידישע אַר־בעטער, וועלכע זענען ניט פאַררעגיסטרירט געוואָרן אין דער אַר־בעטער־ליטעראַטור, ס׳פעלן אויך די, וועגן וועלכע ס׳ווערט מיט־געטיילט אין די קוואַלן, וועלכע ס׳איז מיר ניט געלונגען צו באנוצן. אַזוי אַרום קענען מיר אָננעמען, אַז אין משך פון די יאָרן 1900—1904 איז אין תחום פאָרגעקומען אַריבער $1^1/_2$ טויזענד שטרייקן, אין דער צייט ווען אין איבריגען רוסלאנד איז אוודאי ניט געווען מער ווי 1000[19]. קורץ גערעדט, אין די שטעט און שטעט־לעך פונם תחום איז פאָרגעקומען א סך מער אַרבעטער־שטרייקן ווי אויפן גאַנצן אונגעהויערן שטח פונם איבעריגן אייראָפּייאישן רוסלאַנד.

פון 1673 שטרייקן פאַר די צווייטע פינף יאָר איז די צאָל שטרייקענדע אַרבעטער באַוואוסט נאָר בנוגע 870 שטרייקן, אין

---

[19]) ה׳ וואַרזאַרס אויספאָרשונג־ספערע האָט, לויט זיין אייגענעם חשבון, ארומ־גענומען ביז 50% פון אַלע אונטערנעמונגען פון דער רוסלענדישער אימפעריע, 70% פון אַלע אַרבעטער אין רוסלאַנד און ביז 80% פון דער גאַנצער רוסלענדישער פּראָדוקציע,

וועלכע ס׳האָבען זיך באטייליגט 81973 אַרבעטער׳ וועגן אַ
גאַנצער העלפט שטרייקן ווייסן מיר ניט׳ וויפיל אַרבעטער האָבן
גענומען אין זיי אָנטייל; אבער ס׳האָבן דאָך פאָרט אין זיי אָנטייל
גענומען אַרבעטער! מען קען זיך דאָך ניט באַגנוגן מיט דער ציפער—
82 טויזענט אַרבעטער׳ אויב מיר ווילן באַקומען אַ פאָרשטעלונג
וועגן פאַרנעם פון דער גאַנצער באַוועגונג. פון דער אַנדערער
זייט׳ קען מען אָבער אויך ניט נעמען פשוט די דאָפעלטע צאָל
אָנטיילנעמער אויף דעם איינעם סמך׳ וואס שטרייקן איז געווען
1673 און ניט 870. ס׳איז קלאָר׳ אַז דאָ האָבן מיר אַזאַ פאַל׳ וואו
צוליב פולקייט מוזן מיר טייל|ווייז מוותּר זיין אויף דער פינקט־
ליכקייט. מען דאַרף געפינען דעם דורכשניטליכן פאַרנעם פון אַ
אידישן שטרייק׳ אָבער ניט דעם איינפאַכן מיטלען סכום (וועלכן
מיר וואָלטן באַקומען׳ צוטיילענדיג 81·973 אַרבעטער אויף 870); מיר
מוזן דעם סכום צוגלידערן און אַרויסבאַקומען דאָס׳ וואָס די
ענגלישע סטאַטיסטיקער רופן „weighted mean" — די געלייטערטע
דורכגעטראכטע מיטעלע (גרויס). אַזאַ מיטלע איז נעהענטער
צום אמת׳ ווי אַ געווענליכע׳ ווייל זי שליסט אויס דעם סיסטעמאַ־
טישן פעלער׳ וואָס קומט ארויס דערפון׳ וואס ס׳ווערן אויף אַ
אומפראָפּאָרציאָנעלן אופן צונויפגעמישט פאַרשידנאַרטיגע
גרויסע. מיר ווען דעריבער מוזן אנלעגן וועג׳ אבער דער וועג אליין
איז ניט אומאינטערעסאַנט. דער פאַרנעם פון די שטרייקן הענגט

---

ד. ה. די גרעסטע טייל פון דער גאַנצער פראָדוקציע — וואָס אָנבאַלאַנגט קאַווקאַז׳ איז
די דארטיגע באַוועגונג כמעט אויף 10 יאָר יונגער פון דער אידישער׳ און אפילו די
גרוזינישע ארבייטער־באוועגונג צו וועלכער ס׳איז צוגעצויגן געוואָרן אויך דער
בעלי־מלאכה־פראָלעטאַריאט האָט ביזן יאָר 1905 זיך בשום אופן ניט געקענט פאר־
גלייכן לויט איר פאַרנעם מיט דער אידישער ארבעטער־באַוועגונג.

בכן אב׳ קודם כל פון צוויי זאכן: 1· פון דעם ווירטשאַפטצווייג, וואו די אַרבעטער שטרייקן: זעלבסטפאַרשטענדליך, אַז די פאַבריק־שטרייקן מוזן זיין גרעסער לויטן פארנעם, ווי די בעלי־מלאכה׳שע אָדער האַנדעל־שטרייקן; 2· פון דער קאָלעקטיוויטעט־מאָס פון די שטרייקן, ד· ה· פון דער צאָל אונטערנעמונגען, וועלכע זענען דורכן שטרייק פאַרכאַפּט·

לויטן ווירטשאפט־צווייג וועלן מיר די אידישע אַרבעטער־שטרייקן צוטיילן אויף פּאָלגענדע גרופן: 1· פאַבריק־שטרייקן, צו וועלכע מיר וועלן צורעכנען אַלע אונטערנעמונגען, וואָס פּראָדוצירן אויפן ברייטן אונפערזענליכן מאַרק, ד· ה· ניט דירעקט אויפן פאַרברויכער, מיט וועלכן זיי זענען פערבונדן נאָר דורך אַ גאַנצער רייע אומדירעקטע רינגען; 2· בעלי־מלאכה׳שע, וואוהי׳ן ס׳וועלן אַריין אַלע אונטערנעמנגען, וואָס פּראָדוצירן דירעקט אויפן פאַרברויכער לויט זיין באַשטעלונג, אָדער, אפילו אומדירעקט, דורכן האַנדל־געשעפט, וועלכעס פאַרקויפט די סחורה לאחדים; צו בעלי־מלאכה׳שע אונטערנעמונגען וועלן מיר אויך צורעכנען אזעלכע, וואָס אַרבעטן אויס האַלבפּאַבריקאַטן טאַקע ווידער פאַר בעלי־מלאכה׳עס[20]; 3) האַנדעל־און טראַנספּאָרט־שטרייקן, צו וועלכע מיר וועלן מוזן אויך צורעכנען די עטליכע שטרייקן פון

[20]) איך קען מיר ניט אַריינלאָזן אין לאַנגע דרכים, כדי צו באגרינדן דעם דאזיגן אונטערשיד; איך וועל נאָר זאָגן, אז ער באַזירט אויף די אויסגעצייכנטע באַגריפן וועגן אַ בעלי־מלאכה׳שער און קאַפּיטאליסטישער אונטערנעמונג, וועלכע זענען פעסטגעשטעלט געוואָרן אין ווי· זאָמבאַרטס „מאדערנער קאַפּיטאַליזם״· — ס׳וואלט אייגענטליך כדאי געווען אויסצוטיילן פון די צוויי גרופן די איבערגאַנג־סטאדיע פין הויז־אינ־דוסטריע; ס׳האָט זיך מיר אָבער ניט איינגעגעבן עס צו מאַכן מיט גענוגענדער פּינקט־ליכקייט·

קוואַליפיצירטע אַרבעטער און הויז־באַדינער; ·4 שטרייקן אין אומבאַוואוסטע ווירטשאַפטגעביטן· בנוגע דער קאָלעקטיוויטעט וועלן מיר די שטרייקן צוטיילן אויף פאָלגענדן אופן: א) איינ־צעלנע — וואָס נעמען אַרום נאָר איין אונטערנעמונג; זיי אַליין ווערן צוטיילט אויף: ·1 פאָלקאָם איינצעלנע [ווען עס שטריי־קן אלע ארבעטער פון איין אונטערנעמונג· און ·2 טיילווייזע] *) ווען עס שטרייקט נאָר אַ טייל אַרבעטער פון דער געגעבענער אונטערנעמונג· אָדער אַ באַזונדערע אַבטיילונג אירע; ב) דאָפּעלטע וואָס נעמען ארום 2 אונטערנעמונג מיט אַמאָל; ג) קאָלעקטיווע· וואָס נעמען אַרום עטליכע אָדער אַ סך אונטערנעמונגען· אַלענפאַלס מער פון צוויי; זיי ווידער טיילן זיך אויף: ·1 אַלגעמיינע· — ווען אין געגעבענעם פונקט אדער אין גאַנצן ראַיאָן שטרייקן אַלע אונטערנעמונגען פון דער געגעבענער פּראָפעסיע און ·2 גרופּן־שטרייקן· ווען עס שטרייקן ניט אַלע אונטערנעמונגען פון דער גע־געבענער פּראָפעסיע און ד) שטרייקן פון אומבאַוואוסטער קאָלעקטיוויטעט· וועלכע ס׳האָט זיך ניט איינגעגעבן איינ־צוטיילן צווישן די אויבענאָנגעוויזענע קאַטעגאָריעס·

*) אין טעקסט פעלט די גאנצע שורה, אפנים על פי טעות· [די רעד·]

## II טאַבעלע. די טיילונג פון די שטרייקן פאַר די צווייטע פינף יאָר לויט די ווירטשאַפט־צווייגן און קאָלעקטיוויטעט.

| קאלעקטיוויטעט | פאַבריק־שטרייקן | בעלי־מלאכה'שע שטרייקן | האַנדל־ און טראנספאָרט־שטרייקן | שטרייקן אין אומבאַ־וואוסטע ווירטשאַפט־צווייגן | אין אַלע ווירטשאפט־צווייגן |
|---|---|---|---|---|---|
| אלגמיינע גרופנשטרייקן | 28 | 92 | 12 | 4 | 136 |
| דאָפעלטע | 58 | 165 | 16 | 1 | 240 |
| פאָלקאָם איינצעלנע | 8 | 12 | 5 | — | 25 |
| טיילווייזע | 261 | 201 | 52 | 2 | 516 |
| פון אומ־באַוואוסט. קאָלעקטי־וויטעט | 79 | 7 | 2 | — | 88 |
| קליינע[21] | 13 | 15 | 12 | 166 | 206 |
| איבריגע | 92 | 213 | 25 | 132 | 462 |
| סך הכל | 639 | 706 | 124 | 305 | 1673 |

איידער מיר וועלן אויסרעכנען די מיטעלע גרויסן פאַר יעדער קאַטעגאָריע אויפן גרונד פון דער טאַבעלע III, מוזן מיר אויסשליסן פיר שטרייקן, וועלכע שטעלן מיט זיך פאָר אַנ׳אויסנאַם סיי לויט די באַדינגונגען פון זייער ענטשטיין, סיי לויט זייער פאַרנעם[22]): 1) אַנ׳אלגעמיינעם שטרייק פון 10.000 אַרבעטער אין ביאַליסטאָק (נאָוועמבער 1903), וועלכער איז אַרויסגערופן געוואָרן דורך מאַסן־אַרעסטן פון שטרייקענדע וועבער און האָט געפאָדערט די באַפרייאונג

[21]) די קוואַלן רופן אָן איניגע שטרייקן „קליינע״, ניט אָנווייזענדיג נעענטער די צאָל אָנטיילנעמער.

[22]) דער לעזער וועט באַלד זעהן, אַז די ציפערן, וואָס מיר האָבן באַקומען זענען אומגעהייער גרויס, הגם זיי זענען נאָך ווייט פון פולקייט. דערפאַר באַזייטיג איך דאָ און אויך שפעטער אלצדינג, וואָס וואָלט זיי געקענט נאָך ניט ריכטיג פאַרגרעסערן.

פון די אַרעסטירטע און דעם 8־שעהדיגן אַרבעטסטאָג; דעם שטרייק האָב איך פאַררעכנט אַלס בעלי־מלאכה׳שן, הגם אין אַלגעמיינעם סכום פון 10 טויזענד אָנטיילנעמער גייען אַריין אויך עטליכע טויזענד ניט אידישע פאַבריק־אַרבעטער; — וואָס אָנבאַלאַנגט די אידישע פאַבריק־אַרבעטער, אַרום $2^1/_2$ טויזענד, וואָס האָבן אָנטייל גענומען אין דעם שטרייק, האָב איך זיי אויסגעטיילט און צוגערעכנט צו די פאַבריק־שטרייקן (ווייל זיי האָבן אָנגעהויבן שטרייקן אַ וואָך פאַרן ערקלערן דעם אַלגעמיינעם שטרייק); 2) אַנ׳אַלגעמיינעם שטרייק פון 3000 בעלי־מלאכה׳שע אין בערדיטשעוו (צווישן זיי 400 ניט אידן) אין אויגוסט 1903, אויסשליסליך צוליב סאָלי־דאַריטעט מיט דער אַלרוסישער שטרייק־באַוועגונג פונם זומער 1903.; די שטרייקענדע האָבן קיין שום פאָדערונגען ניט אַרויס־געשטעלט; 3) אַנ׳אַלגעמיינעם שטרייק פון 700 בעלי־מלאכה׳שע אין מאָהילעוו אין אָקטאָבער 1903 יאָר, אַלס פּראָטעסט קעגן באַפעל פון גוברנאַטאָר וועלכער האָט פאַרלענגערט דעם אַרבעטסטאָג; 4) אַנ׳אַלגעמיינעם שטרייק פון 1.800 האַנדלס־אָנגעשטעלטע אין מינסק זומער פון דעמזעלבן 1903 יאָר, אַרויסגערופן דורך אַנ׳ענליכן באַפעל פון מיניסטער פלעווען; באַ די צוויי לעצטע שטרייקן האָט מען געפאָדערט דעם 10־שעה׳דיגן אַרבעטסטאָג, וועלכן ס׳האָט זיך איינגעגעבן אויסצוקעמפן.

נאָכן אויסשליסן די אָנגעוויזענע 4 אַלגעמיינע שטרייקן (3 בעלי־מלאכה׳שע מיט 13.300 אָנטיילנעמער און 1 האַנדל־שטרייק מיט 1.800 אָנטיילנעמער) וועלן די מיטעלע גרויסן לויט די באַזונדערע קאַטעגאָריעס געבן די פאָלגענדע טאַבעלע:

III טאַבעלע· די זעלביגע טיילונג פאַר שטרייקן מיט אַ באַשטימטער צאָל אָנטיילנעמער אין משך פון די צווייטע פינף יאָר·

| קאַלעקטיוויטעט | פאַבריק־שטרייקן | | בעלי־מלאכה׳שע שטרייקן | | האַנדל־ און טראַנס־פּאָרט־שטרייקן | | שטרייקן אין אומבאַוואוסטע ווירטשאַפט־צווייגן | | אין אלעווירט־שאַפט־צווייגן | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| | שטרייקן | אָנטיילנעמער | שטרייקן | אָנטיילנעמער | שטרייקן | אָנטיילנעמער | שטרייקן | אָנטיילנעמער | שטרייקן | אנטייל־נעמער |
| אַלגעמיינע | 25 | 12838 | 61 | 20132 | 8 | 2930 | — | — | 94 | 35 900 |
| גרופּנשטרייקן | 42 | 8082 | 129 | 13491 | 8 | 380 | 1 | 30 | 180 | 21 983 |
| דאָפּעלטע | 5 | 301 | 3 | 56 | 4 | 66 | — | — | 12 | 423 |
| פּאָלקאָם איינצעלנע | 188 | 13321 | 154 | 1362 | 29 | 242 | 1 | 20 | 372 | 14 945 |
| טיילווייזע | 72 | 5486 | 7 | 29 | 2 | 45 | — | — | 81 | 5 560 |
| פון אומבאַוואוסטער קאַלעקטיוויטעט | 32 | 958 | 90 | 2039 | 6 | 52 | 3 | 113 | 131 | 3 162 |
| סך הכל | 364 | 40986 | 444 | 37109 | 57 | 3715 | 5 | 163 | 870 | 81 973 |

די לעצטע ציפער פון דער IV־טער טאַבעלע — 94,2 האָבן מיר באַקומען פשוט׳ נאָך ניט אויסשליסנדיג די 4 אויסעראָרדענטליכע שטרייקן מיט זייערע 15.100 אָנטיילנעמער· גיט זי אונז׳ הייסט עס׳ די איינפאכע מיטלע גרויס פון אַ אידישן שטרייק׳ אבער ניט די „געלייטערטע" מיטעלע׳ וועלכע מיר וועלן ערשט באַקומען׳ נאכדעם׳ ווי מיר וועלן כפל׳ען די סומע אויף די געהעריגע ציפערן פון דער II־טער טאַבעלע (זעה טאַבעלע V)· נאָר אַזוי ווי פּינקטליכע צאָלן זענען פאַר אונז בכלל אומדערגרייכבאַר

און דער גאַנצער חשבון איז אויסן נור צו געבן די בערכ׳דיגע שילדערונג פון דער באַוועגונג. בכלל, וועלן מיר זיך באַגרענצן מיט „קיילעכדיגע״ ציפערן: אין דער קומענדיגער טאַבעלע V האָב איך אָפגעוואָרפן אַלע ציפערן פון די הונדערטער, צענדליגער און איינהייטן וואָס מאַכן אויס ניט מער, ווי 250; פאַרקערט, די סכומים אַריבער 250 און ווייניגער פון 500 האָב איך גערעכנט פאַר גאַנצע 500. חוץ דעם, ניט געטרויענדיג דער ציפער 37,7 אָנטיילנעמער פאַר אַ שטרייק אין אומבאַוואוסטן ווירטשאַפט־צווייג פון אומבאַוואוסטער קאָלעקטיוויטעט, האָב איך אַלע אזעלכע שטרייקן פאררעכנט אַלס „קליינע״[23]; ווי דער לעזער וועט זעהן ווייטער פון דער טאַבעלע IX, איז די מיטלע גרויס פון אַ „קליינעם״ שטרייק — 6 אָנטיילנעמער. ענדליך וועל איך נאָך באַמערקן, אַז אין דער טאַבעלע V האָב איך די לעצטע 2 ווערטיקאַלע שורות באַקומען, צונויפלעגענדיג די ערשטע אַכט צו פיר, און די לעצטע האָריזאָנטאלע שורה — צו־נויפלעגענדיג די ערשטע זיבן. אין אַלגעמיין אָבער האָב איך די טאַבעלע V. באַקומען דורכן געהעריגן איבער׳כפל׳ען די ציפערן פון דער טאַב. IV. אויף די ציפערן פון דער טאַבעלע II. פון דער טאַבעלע V. ווערט קלאָר, אַז אין משך פון 5 יאָר האָבן אין די עקאָנאָמישע שטרייקן אָנטייל גענומען ביז 110 טויזענד אידישע אַרבעטער, וואָס גיט דורכשניטליך 65,1 אָנטיילנ. אויף איין שטרייק. 65,1 — דאָס איז די „געלייטערטע״ מיטעלע גרויס פון אַ אידישן שטרייק.

---

[23]) זעה אויבן, די באַמערקונגען 20 און 21.

## IV טאַבעלע. די מיטעלע צאָל אָנטיילנעמער אויף איין שטרייק (אין משך פון די צווייטע פינף יאָר):

| קאלעקטיוויטעט | פאַבריק שטרייק | בעלי־מלאכה'שער | האַנדל־טראַנספּאָרט־שטרייק | אין אומבאַוואוסטן ווירטשאַפט־צווייג | אין אַלע ווירטשאַפט־צווייגן |
|---|---|---|---|---|---|
| אַנ'אַלגעמיינעם | 513,5 | 117,8 | 161,4 | — | 231,1 |
| אַ גרופּענשטרייק | 192,4 | 104,6 | 47,5 | 30,0 | 122,1 |
| אַ דאפעלטן | 60,2 | 18,7 | 16,5 | — | 35,2 |
| אַ פּאָלקאָם איינצעלנעם | 70,9 | 8,8 | 8,3 | 20,0 | 40,2 |
| אַ טיילווייזן | 76,2 (24 | 4,1 | 22,5 (22 | — | 68,6 |
| אומבאַוואוסטער קאלעקטיוויטעט | 29,9 | 22,7 | 8,7 | 37,7 | 24,1 |
| פון אַלע קאָלעקטיוויטעט שטופן | 112,7 | 54,0 | 34,2 | 32,6 | 94,2 |

אהער זענען אַריינגערעכנט, אמת, עטליכע טויזענט ניט אידישע אַרבעטער, וועלכע ס'איז געווען אונמעגליך אויסצושיידן פונ'ם חשבון און אויך 25 שטרייקן פון אידישע אַרבעטער אין 5 שטעט אויסערן תחום (מיט דער אַלגעמיינער צאָל אַרבעטער אַרום 1000) מען קען אָבער די ציפער 109 אָדער 110 טויזענד האלטן פאַר אַ כאראַקטעריסטיק פון דער עקאָנאָמישער אידישער אַרבעטער־באַוועגונג אין תחום פאַר די יאָרן 1900־1904 וועלכע איז זעהר נאָהענט צום גענויעם אמת.

[24] דאס, וואס אויף אַנ'איינצעלנעם שטרייק קומט אויס מער אָנטיילנעמער, ווי אויף אַ דאָפּעלטן און אויף אַ טיילווייזן מער ווי אויף אַ פּאָלקאָם איינצעלנעם. — איז ניט קיין צופאל. די ראַמען פון דער אַרבעט ערלויבן מיר אָבער ניט צו ערקלערן דעם ענין אויספירליך.

## V טאַבעלע· דאָס אַלגעמיינע בילד פון דער באַוועגונג פאַר די צווייטע פינף יאָר (1904—1900)·

(די צאָל אָנטיילנעמער איז געגעבן אין קיילעכדיגע בערכ׳דיגע ציפערן)·

| קאלעקטיוויטעט | פאבריק־שטרייקן: שטרייקן | פאבריק־שטרייקן: אָנטיילנעמער | בעלי־מלאכה׳שע: שטרייקן | בעלי־מלאכה׳שע: אָנטיילנעמער | האַנדל־ און טראַנספּאָרט־שטרייקן: שטרייקן | האַנדל־ און טראַנספּאָרט־שטרייקן: אָנטיילנעמער | אין אומבאַוואוסטע ווירטשאַפט־צווייגן: שטרייקן | אין אומבאַוואוסטע ווירטשאַפט־צווייגן: אָנטיילנעמער | אין אַלע ווירטשאַפט־צווייגן: שטרייקן | אין אַלע ווירטשאַפט־צווייגן: אָנטיילנעמער |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| אַלגעמיינע | 28 | 14500 | 92 | 24000 [25] | 12 | 3500 [25] | 4 | — | 136 | 42 000 [25] |
| גרופנשטרייק | 58 | 11000 | 165 | 17000 | 16 | 1000 | 1 | — | 240 | 29 500 |
| דאָפּעלטע | 8 | 500 | 12 | — | 5 | — | — | — | 25 | 500 |
| פאַלקאָם איינצעלנע | 261 | 18500 | 201 | 2000 | 52 | 500 | 2 | — | 516 | 21 000 |
| טיילווייזע | 79 | 6000 | 7 | — | 2 | — | — | — | 88 | 6 000 |
| אום־באַוואוסטע קאלעקטי־וויטעט: קליינע | 13 | — | 15 | — | 12 | — | 166 | 2000 | 206 | 10000 |
| אום־באַוואוסטע קאלעקטי־וויטעט: איבעריגע | 92 | 3000 | 213 | 5000 | 25 | — | 1[illegible]2 | | 462 | |
| סך הכל | 539 | 53500 | 705 | 48500 | 124 | 5000 | 305 | 200[illegible] | 1673 | 109000 [25] |

אויב מיר וועלן אויך אַזוי בערכ׳דיג מאַכן דעם חשבון לויט באַזונדערע יאָרן (די דעטאַלן פונם חשבון לאז איך אויס) וועלן מיר באַקומען פאָלגענדע ציפערן:

### VI טאַבעלע· די צאָל אנטיילנעמער:

| יאָרן | שטרייקן | אָנטייל־נעמער |
|---|---|---|
| 1900 | 251 | 14 500 |
| 1901 | 417 | 20 500 |
| 1902 | 431 | 26 000 |
| 1903 | 326 | 39 000 |
| 1904 | 164 | 8 000 |
| סך הכל | 1 673 | 109 000 |

און נאָך 84 שטרייקן מיט אניט גענוי באַוואוסטער כראָנאָלאָגיע· אין וועלכע ס׳האָבן אָנטייל גענומען 1000 אַרבעטער·

[25]) דאָ זענען שוין פאַררעכנט די אויסערארדענטליכע שטרייקן אויך 3) בעלי־מלאכה׳שע מיט 13.300 אָנט· און איין האַנדל־שטרייק מיט 1.800 אנט)·

אויב דער לעזער האָט אויפמערקזאַם נאָכגעשפּירט נאָך אונזער אויספאָרשונג, וואָס האָט אונז געבראַכט צו דער דאָזיגער ציפער, וועט ער, גלויב איך, צושטימען, אַז זי איז גיכער פאַרקלענערט איידער פאַרגרעסערט.[26]

ס'איז ניט שווער צו זעהן, אַז דער פּאַרנעם פון דער אידישער אַרבעטער־באַוועגונג איז אַן־אויסער־אָרדענטליכער און איז אַ בן יחיד אין דער געשיכטע פון דער קאַפּיטאַליסטישער וועלט. אין אמתן, לויט די ידיעות פונ'ם יק"א־זאַמעלבוך איז די אַלגעמיינע צאָל פונ'ם אידישן פאַבריק־פּראָלעטאַריאַט, אחוץ כערסאָנער גוב., געווען 46313 מאַן, רעכנענדיג, אַז אויף כערסאָנער גוב. קומט אויס (מאקסימום) 3600 אַרבעטער, באַקומען מיר אַ צאָל פון אונזערע 50000 אידישע אַר־בעטער, וועלכע, לויט דער צווייפעלהאַפטער „טערמינאָלאָגיע" פון די קאָרעספּאָנדענטן פונם זאַמעלבוך, געהערן צו דער פאַבריק־אינ־דוסטריע. לויט די ידיעות פון דעמזעלבן זאַמעלבוך איז אין דער מלאכה געווען פאַרנומען סך־הכל 242 000 אַרבעטער, מענער און פרויען (געזעלן און לערן יונגלעך). די ידיעות פונם זאַמעלבוך געהערן צום יאָר 1899, טיילווייז צום 1898־טן און 1900־טן יאָר; פאַר דער צייט האָט זיך, הייסט עס, גערעכנט 292 טויזענט אידישע

---

[26]) איך קען ניט לייקענען, אַז כ'האָב אין מיין חשבון געמוזט אומפאַרמיידליך מאַכן ניט קיין באַגרינדעטע הנחות, איך האָב אָבער מיט זיי שטענדיג פאַרקלענערט און ניט פאַרגרעסערט די רעזולטאַטן. אין אַלגעמיין זענען אַזעלכע מיטלען אין דער סטאַטיסטיק אומפאַרמיידליך, און דער דעמאָגראַף אַשטייגער, וועלכער, ניט האָבענדיג קיין דירעקטע ידיעות, באַשטימט אימדירעקט די אַלגעמיינע צאָל פון דער באַפעלקערונג אויפן גרונד פון די געבורטס־אָדער חתונה־מעטריקעס, באַנוצט זיך מיט אַ אסך צווייפעלהאַפטערע מיטלען ווי די, מיט וועלכע איך האָב מיך באַנוצט.

אַרבעטער, וואָס זענען געווען פאַרנומען אין דער תחום־אינדוסטריע. נעמענדיג אין באַטראַכט, אַז די מיטאַרבעטער פונם זאמעלבוך האָבן אין זייערע חשבונות זעהר פיל פאַרפעלט, מעג מען אָננעמען, אַז די דאָזיגע צאָל מוז געהעכערט ווערן ביז 320־330 טויזענט; אָבער לכל הדעות ניט מער. אמת, די צייט, פאַר וועלכע איך האָב די שטרייקן צונויפגערעכנט, קומט אויס אויף 4—1 יאָר שפעטער, ס׳איז אָבער פאַר דער צייט אַזוי שטאַרק געווען די עמיגראַציע פון דערוואַקסענע אידן (און, דער עיקר, פון בעלי־מלאכה׳ס אין אַרבעטס־עלטער), אַז די צאָל אידישע אַרבעטער אין תחום האָט נאָר געקענט קלענער ווערן און ניט גרעסער. פונדעסטוועגן, כדי צו באַזייטיגן יעדן ווילקיר, וואס וואלט קענען זיין נוצליך פאר מיינע אויספירן, וועל איך אננעמען, אַז די פראָלעטאַרישע באַפעלקערונג פונם תחום איז פאַר די יאָרן אויסגעוואַקסן אויף עטליכע %% און האָט אין אַלגעמיין דערגרייכט ביז 350000 אַרבעטער אין דער אינדוסטריע (הייסט עס, ניט רעכנענדיג דעם האַנדל און די ניט קוואליפיצירטע אַרבעטער). און געשטרייקט האָבן פאַר די 5 יאָר אַרום 102000 אַרבעטער אין דער מלאכה און פאַבריק־אינדוסטריע (ז׳ טאַבעלע V); אַזוי אַרום איז דער דורכשניטליכער יאָר־פראָצענט פון שטרייקענדע אידישע אַרבעטער ניט ווייניגער ווי 5,8; אויף יעדע 1000 אַרבעטער־אידן, וואס זיינען געווען באשעפטיגט אין דער אינדוסטריע, האבן לכל הפחות 58 געשטרייקט יעדן יאר. דער דאָזיגער פראָצענט פאַלט ביזן מינימום 2.1 % אין 1904־טן יאָר און דערגרייכט דעם מאַקסימום אין 1903־טן יאָר: 10,4 %!

אין 1900־טן יאָר האָבן געשטרייקט אַרום 14 000 אינדוסטריעלע אידישע אַרבײ די הי 4%·

אין 1901־טן יאָר האָבן געשטרייקט אַרום 12 000 אינדוסטריעלע אידישע ארבײ די הי 5,4%·

אין 1902־טן יאָר האָבן געשטרייקט אַרום 25 000 אינדוסטריעלע אידישע ארבײ די הי 7,1%·

אין 1903־טן יאָר האָבן געשטרייקט אַרום 36 500 אינדוסטריעלע אידישע ארבײ די הי 10,4%·

אין 1904־טן יאָר האָבן געשטרייקט אַרום 7500 אינדוסטריעלע אידישע ארבײ די הי 2,1%·[27])

כדי ס׳זאָל קלאָר ווערן׳ ווי גרויס עס זענען די דאזיגע שטומע פראָצענטן׳ וועלן מיר ברענגען אַ פאַרגלייכונגס־טאַבעלע פון עטליכע אנדערע לענדער׳ וואו כ׳האָב אויסגערעכנט די פראָצענט־פאַרהעלט־ניסן פאַר די אַרבעטער׳ וואָס האָבן אָנטייל גענומען אין די אינדוסטריעלע שטרייקן (אריינרעכענענדיג אויך די מלאכה־ און פאַבריק־אינדוסטריע)·

[27]) דער מינימום פון 1904־טן יאָר איז א פועל יוצא פון דער מלחמה׳ שרעקליכן קריזיס׳ עמיגראַציע (אין צוזאַמענהאַנג מיט די מאָביליזאַציעס) און פון דער אַלגעמיינער אומרוהיגער שטימונג·

## טאַבעלע VIIa [28]). פארגלי׳כענדע טאבעלע פון אינדוסטריע־שטרייקן

| לאַנד אָדער פאָלק | פעריאָד | די אלגעמיינע צאָל פון די שטרייקענדע אינדוסטריע־אַרבעטער | די דורכשניט־ליך יערליכע צאָל פון די שטרייקענדע ארבעטער | די דורכשניט־ליכע צאָל פון אינדוסטרי־פראָלעטאַרי־אַט, צו וועלכן די ידיעות האבן אַ שיכות | אויף 1000 אַ־בעטער קומט אויס שטרייקענדע יערליך |
|---|---|---|---|---|---|
| דייטשלאַנד | 1900-1904 | 491 328 | 98 000 | 9 000 000 | 11 |
| בעלגיען | 1900-1904 | 106 758 | 21 500 | 1 500 000 | 14 |
| גרויסבריטאַניען | 1900-1903 | 828 540 | 166 000 | 11 000 000 | 15 |
| שווייץ | 1903 | 5 697 | — | 300 000 | 19 |
| עסטרייך | 1900-1903 | 212 981 | 53 000 | 2 500 000 | 21 |
| פראנקרייך | 1900-1904 | 751 254 | 150 000 | 5 000 000 | 30 |
| אייראפייאיש רוסלאנד | 1900-1904 | 210 014 | 42 000 | 1 000 000[29] | 26 |
| דער אידישער תחום | 1900-1904 | 102 000 | 20 400 | 350 000 | 58 |

[28]) פון דער אַלגעמיינער צאָל פראנצויזישע שטרייקן האָב איך באַזייטיגט די לאַנדווירטשאַפטליכע אוז די טראַנספּאָרט־שטרייקן; אין די איבריגע לענדער האָב איך ניט אַראָפּגערעכנט די טראַנספּאָרטשטרייקן צוליב דער קליינער צאָל פון זייערע אָנטייל־נעמער. וועגן דייטשלאַנד האָב איך פאַרגליכן די ידיעות פון דער גענעראַלער קאָמיסיע פון די פראָפעס. פאַראיינען מיט די ידיעות פון דער רעגירונג־סטאַטיסטיק און ביי אַנ׳אונטערשיד האָב איך גענומען פאַר יעדן יאָר די ציפערן פון יענעם מקור, וואו זיי זענען געווען פולער (פאַר די יאָרן 1900 און 1901 לויט די ידיעות פון אימפערישן סטאַטיסטישן ביוראָ, פאַר די יאָרן 1904—1902 — לויט די ידיעות פון דער גענ. קאָמ.)

[29]) הי. וואַרזאַרס ציפערן נעמען ניט אַרום דעם גאַנצן אינדוסטריעלן פראָלעטאַריאַט אין רוסלאַנד; פאַרן 1903־טן יאָר זענען זיי, ווייזט אויס, צוויי מאָל קלענער, ווי אין דער ווירקליכקייט.

## טאַבעלע VII b. פארגלייכענדע טאבעלע פון די מאקסימאלע שטייגונגען.

| לאַנד אָדער פאָלק | דאָס יאָר פון מאַקסימאַלער שטייגונג [30] | אין אַנגעוויזענעם יאָר האבן געשטרייקט | איז געווען אַרבעטער אין דער אינדוסטריע | אויף 1000 אַרבעטער איז געווען שטרייקענדע |
|---|---|---|---|---|
| דייטשלאַנד | 1900 | 122 804 | 9 000 000 | 14 |
| בעלגיען | 1901 | 43 814 | 1 200 000 | 36 |
| גרויסבריטאניען | 1902 | 256 667 | 11 000 000 | 23 |
| שווייץ | — | — | — | — |
| עסטרייך | 1900 | 104 425 | 2 260 000 | 47 |
| פראַנקרייך | 1902 | 200 166 | 4 800 000 | 42 |
| אייראָפּייאיש רוסלאַנד | 1903 [29] | 86 832 | 1 600 000 [29] | 54 |
| דער אידישער תחום | 1903 | 36 500 | 350 000 | 104 |

פון די טאַבעלן VIIa און VIIb איז צו זעהן, אַז דער פאַרנעם פונם עקאָנאָמישן קאַמף איז ביים אידישן פראָלעטאַריאַט געווען דורכשניטליך 2—5 מאָל גרעסער, ווי ביי די אַרבעטער פון אַנדערע פעלקער אין מערב־איירָאָפּע. אפילו אין די יאָרן פון העכסטער שטייגונג האָט די פראָלעטאַרישע באַוועגונג ביי אַנדערע פעלקער ניט דערגרייכט צום מיטלען, דורכשניטליכן פאַרנעם פון דער אידישער באַוועגונג. אָט די געשיכטליך אויסער־אָרדענטליכע באַוועגונג פון די אַרבעטער־מאַסן האָט זיך צושפּרייט איבער אַלע שטעט פון תחום, איז אַריינגעדרונגען נאָך לאַנג פאַרן 9־טן יאַנואַר 1905־טן יאָר אין די פאַרגעסענסטע ערטער פון די פאַרוואָרפענסטע ווינקעלעך, אין די אומצאָליגע שטעט און שטעט־טעלעך פון דעם רוסלענדישן מערב־קאַנט. די באַוועגונג האָט אויפ־

[30] דאָס יאָר ניט פון אַבסאָלוטער מאַקסימאַלער שטייגונג, נאָר אין משך פון דעם גענומענעם פעריאָד.

געמונטערט אַלע שיכטן פונם אידישן פּראָלעטאַריאַט און אין אסך ערטער זענען אין קאַמף מיט די בעלי־בתים ארייגעצויגן געוואָרן אלע ארבעטער ביז איינעם. איך רייד ניט פון די שטעטלעך, וואו ס׳איז קיין וואונדער ניט, אז פון די צוויי־דריי צענדליג אַרבעטער איז קיין איינער ניט געווען, וואָס האט זיך געפונען אין קאָנפליקט מיטן „קאַפּיטאַל“. נאָר אפילו אין די גרויסע שטעט מיט אַ צאָלרייכע אַרבעטער־באַפעלקערונג, וואס איז צושפּרייט איבער אלערליי קליינע ווערקשטיבלעך האָט דער עקאָנאָמישער קאַמף אויך ניט אויסגעמיטן קיין איין ווערקשטוב, קיין איין מאַגאזין און קיין איין קלייטעל. אַזוי אַשטייגער האבן אין הערבסט 1903 אַלע אַרבעטער פון מאָהילעוו אויסגעקעמפט דעם 10־שעה׳דיגן אַרבעטס־טאָג. אין נאוועמבער 1901־טן יאָר קאנסטאַטירט דער כראָניקער פונם „מינסקער אַרבעטער“ N. 4 אַז „די אַרבעטערבאַוועגונג שפּילט אַ גרויסע ראָלע אין לעבן פון מינסק“ און, ניט קוקענדיג אויף דעם, וואָס „מינסק איז אַ שטאָט פון קליינע ווארשטאטן, אָן פאַבריקן און אפילו אָן גרעסערע מלאכה־אונטערנעמונגען“, האָט פונדעסטוועגן „דער גייסט פון אומצופרידענהייט זיך דורכגעטראָגן, ווי אַ שטורם איבער אַלע שיכטן פון אונזערע מינסקער מאַסן, האָט אויפגעוועקט די געדריקטע, דערשלאגענע אַרבעטער צום קאַמף פאַר אַ בעסערן מצב, צו דער פאַרטיידיגונג פון זייער מענשליכן כבוד וואָס ווערט געטראָטן מיט די פיס.“ און שוין צום סוף פון 1900־טן יאָר געפינט דער ביאַליסטאָקער קאָרעספאנדענט פון דער „אַרבעטער שטימע“ (N. 20) פאַר מעגליך צו ערקלערן, אַז די אַרבעטער־באַוועגונג אין ביאַליסטאָק איז ניט קיין נייע ערשיינונג, די שטרייקן זענען ביי אונזערע אַרבעטער זעהר אַ געוועהנליכע זאַך; ס׳איז אַ

ספק צי ס׳איז פאַראַן אין ביאַליסטאָק אפילו איין אַר־בעטער׳ וועלכן ס׳איז ניט אויסגעקומען אָנטיילצונעמען אין אַ שטרייק״ ··· דער קאָלאָסאַלער שטראם פון דער אידישער אַרבעטער־באַוועגונג איז נאָר איין מאָל אין דער געשיכטע איבער־שטיגן געוואָרן׳—דורך דער אַלרוסלענדישער באַוועגונג פונם 1905־טן יאָר׳ ווען אויף 1000 אַרבעטער׳ לויט ה׳ ווארזארס ידיעות׳ האָבן אָנטייל גענומען אין די שטרייקן גאַנצע 1638![31])

שוין דער איינער אויספיר׳ אַז דער פאַרנעם פון דער עקאָנאָמישער באַוועגונג אין תחום האָט קיין גלייכן ניט צווישן אַלע אַנדערע פעלקער אין דער וועלט׳ שטעלט פאַר אונז אַ זעהר ערנסטע פראָבלעם· פון איין זייט האָט די אין אַלגעמיין אומנאָרמאַלע און געדריקטע לאַגע פונם אידישן עקאָנאָמישן לעבן געמוזט אַמשווערסטן זיך אָפּרופן אויף דער קאַמפּספעהיקייט פון די אידישע אַרבעטער׳ הגם מיר האבן ניט קיין ציפער־ידיעות וועגן שטרייק־קאַמף פונם אידישן פּראָלעטאַריאַט אין גאַליציען׳ רומעניען׳ ענגלאַנד׳פונדעסט־וועגן ווייסן מיר אָבער פאַקטיש׳ אַז דער קאַמף איז דאָרט נישטיג׳ אויף אַזוי פיל נישטיג׳ אַז די אָרטיגע פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען געפינען כמעט ניט פאַר נויטיג זיך צו רעכנען מיט די אידישע אַרבעטער[32])· און פון דער צווייטער זייט האָבן מיר אין

---

[31]) דער פּאַראַדאָקס פון דער דאָזיגער ציפער (1638 איז דאָך מער׳ ווי 1000) נעמט זיך דערפון׳ וואָס איינע און דיזעלביגע אַרבעטער שטרייקן צו עטליכע מאָל· דאָס קומט שטענדיג פאָר׳ און ווער עס נעמט ניט אין אַכט׳ אַז שטרייקן חזרן זיך איבער׳ קען בכלל ניט ריכטיג פאַרשטיין די סטאַטיסטיק פון עקאָנאָמישן קאַמף· אין 1905־טן יאָר האָבן אין רוסלאַנד געשטרייקט 1638 אַרבעטער ניט פון 1000, נאָר אויף 1000, — ווי איך דריק מיך אומעטום אויס·

[32]) אַנ׳אויסנאַם שטעלן פאָר די טאַבאַק־ און קאָנפעקציאָן־אינדוסטריע (פאַרטיגע קליידער) אין די נאָרד־אַמעריקאַנישע פעטאָס· זעה די אויסגעצייכענטע אויספאָרשונג

תחום אַזאַ אויסערגעוועגליכע ענערגיע פון קאָנפליקטן. פונם ערשטן בליק קען זיך דאַכטן: „וואָס קען זיין איינפאַכער? מענשן שטרייקן ווייל עס לעבט זיך זיי שלעכט“. אַזאַ מיינונג איז אבער אויבער־פלעכליך און נאָר טיילווייז ריכטיג. אין דייטשלאַנד, אין ענגלאַנד שטרייקן די אַרבעטער ווענִיג, ווייל זיי פאַרמאָגען אַ סאָציאַלע געזעצגעבונג, אַרביטראַזש און, דער עיקר, מעכטיגע פראָפעסיאָנעלע פאַראיינען. נאָר אָט האָבן מיר בעלגיען — „אַ גיהנם פאַר די אַרבעטער“, אָן געזעצגעבליכער פאַרטיידיגונג פון אַרבעט, מיט אַ נישטיגער פראָפעסיאָנעלער באַוועגונג, אַ לאַנד פון קבצנ'ישן אַרבעטס־לוין און רויבעריש־לאנגען אַרבעטסטאָג; אָדער צענטראַל רוסלאַנד, וואו ביי די רוסישע אַרבעטער איז דער אַרבעטס־לוין געוועזן ניט העכער, דער אַרבעטסטאָג ניט קירצער, די מאָראַלע אַרבעטס־באַדינגונגען שרעקליכער, ווי אין תחום; — פאַרוואָס איז דאָרט די שטרייק־באַוועגונג אַזוי פיל שוואַכער ווי ביי אונז?

פאָרשן מיר ווייטער.

---

פון Jesse Elipha'et, פראָפ. פון מיסורישן אוניווערסיטעט, „The clothingindnstry in New-Jork“ 1905. באַזונדער דאָס דריטע קאַפּיטל פון דעם ערשטן טייל און די קאַפּיטלעך פון דעם צווייטן.

III.

## די גרויס פון די אידישע שטרייקן און אונטערנעמונגען.

איצט לאמיר פאַרגעסן אונזערע „אומבאַשטימטע אָנווייזונגען" זייערע מינימאַלע סך־הכל׳ס און אַלע בערכ׳דיגע חשבונות; לאמיר אָפּערירן מיט גענויע ידיעות.

אויב דער פאַרנעם פון דער גאַנצער שטרייק־באַוועגונג איבעראַשט אונז מיט זיין אונגעהויערער גרויס, איז אָבער דער געוועגליכער פאַרנעם פון די שטרייקן אַליין זעהר אַ נישטיגער. די איינפאַכע מיטעלע גרויס פון אַ אידישן שטרייק האָט, ווי מיר האָבן עס געזעהן, אויסגעמאַכט 94,2 אַנטיילנעמער, די „געלייטערטע" מיטעלע — סך־הכל 65,1 אַנטיילנעמער. די פאַרגלייכונגסטאַבעלע VIII ווייזט, ווי קליין ס׳איז דער מיטעלער פאַרנעם פון אַ אידישן שטרייק.

אויב דער אַלגעמיינער פאַרנעם פון דער אידישער שטרייק באַוועגונג איז, פאַרהעלטניסמעסיג גענומען, פון 2 ביז 5 מאָל גרעסער, ווי דער געוועגליכער פאַרנעם ביי אַנדערע פעלקער און לענדער, איז אָבער דער מיטעלער פאַרנעם פון אַ אידישן שטרייק, ד. ה. פון אַ באַזונדערן מאָמענט אין דערזעלבער באַוועגונג כמעט אויף אַזוי פיל מאָל, (לויט דער „געלייטערטער" 1½—3½ מיטעלער אפילו 2—5 מאָל) קלענער, ווי דער געוועגליכער. אגב אורחא, די נידעריגע ציפער פאַר דייטשלאַנד קען דעם לעזער פאַרוואונדערן; זי ערקלערט זיך אָבער דערמיט, וואָס אין דייטשלאנד

זענען די שטרייקן ס׳רוב טיילווייזע און געוועגליך שטרייקן נאָר 40 % פונם אַלגעמיינעם פערסאָנאַל, וואָס געפינט זיך אין די באַ־טרעפענדע אונטערנעמונגען; ביי די אידן זענען אָבער כמעט אַלע שטרייקן גאנצע אָדער גאָר קאָלעקטיווע און אין אַלגעמיין שטרייקן 95 % פונם גאַנצן פערסאָנאַל. די טאַבעלע IX. וועט פאָרשטעלן נאָך בולט׳ער דעם אמת׳ן פאַרנעם פון די אידישע שטרייקן.

VIII טאַבעלע. דער פארנעם פון די שטרייקן אין פארשידענע לענדער.

| לאַנד אָדער פאָלק | פעריאָד | די צאָל שטרייקן [33] | די אַלגעמיינע צאל אנטייל־נעמער | די מיטלע צאָל אָנ־טיילנע־מער אויף אַ שטרייק |
|---|---|---|---|---|
| גרויסבריטאַ־ניען | 1900—1904 | 2473 | 828.540 | 335 |
| נ׳ אַמעריקע | 1881—1900 | 22793 | 6.105.694 | 268 |
| פראַנקרייך | 1900—1904 | 3530 | 941.080 | 267 |
| שפּאַניען | 1904—1905 | 118 | 27.491 | 233 |
| בעלגיען | 1900—1904 | 487 | 106.758 | 219 |
| איטאַליען | 1900—1903 | 2733 | 560.573 | 205 |
| עסטרייך | 1900—1903 | 1161 | 213.684 | 184 |
| קאַנאַדע | 1901—1904 | 315 | 55.831 | 177 |
| האָלאַנד | 1901—1904 | 397 | 54.753 | 138 |
| שווייץ | 1903 | 43 | 5.697 | 132 |
| דייטשלאַנד | 1900—1904 | 6257 | 491.328 | 78 |
| אייראָפּייאיש רוסלאַנד | 1900—1904 | 1030 | 210.014 | 204 [34] |
| דער תחום (די אידישע באַפעלקערונג) | 1900—1904 | 870 | 81.973 | 65 אָדער 94 |

[33] דאָ זענען אַריינגערעכנט אין פראַנקרייך די לאַנדווירטשאַפטליכע און אין פילע לענדער די האַנדלס־טראַנספּאָרט־שטרייקן.

[34] מיר דערמאָנען ווידער דעם לעזער אַז די רוסלענדישע אָפיציעלע סטאַטיסטיק

## IX טאַבעלע. די טיילונג פון די אידישע שטרייקן לויט זייער פאַרנעם. (צווייטע 5 יאָר).

| די שטרייקן, איינגעטיילט לויטן פאַרנעם | די צאָל שטרייקן: אין אבסאָלוטע צאָל | די צאָל שטרייקן: אין % % [35] | די צאָל אָנטיילנעמער: אין אבסאָלוטע צאָל | די צאָל אָנטיילנעמער: אין %% [34] | דורכשניטליך אויף איין שטרייק אָנטיילנעמער |
|---|---|---|---|---|---|
| I גרופע, פון 1 ביז 10 אָנטיילנ. | 222 | 25,5 | 1.336 | 1,6 | 6 [35] |
| II „ „ 11 „ 25 „ | 202 | 23,2 | 3.612 | 4,4 | 18 |
| III „ „ 26 „ 50 „ | 154 | 17,7 | 5.838 | 7,1 | 31 |
| ס"ה קליינע שטרייקן | 578 | 66,4 | 10.786 | 13,1 | 19 |
| IV „ „ 51 „ 100 „ | 138 | 15,9 | 10.321 | 12,6 | 75 |
| V „ „ 101 „ 200 „ | 87 | 10,0 | 12.977 | 15,8 | 149 |
| ס"ה מיטעלע שטרייקן | 225 | 25,9 | 23.298 | 28,4 | 104 |
| VI „ „ 201 „ 500 „ | 47 | 5,4 | 15.939 | 19,5 | 339 |
| VII „ „ 501 „ 1000 „ | 11 | 1,3 | 8.200 | 10,0 | 745 |
| ס"ה גרויסע שטרייקן | 58 | 6,7 | 24.139 | 29,5 | 416 |
| VIII „ „ 1001 „ 3000 „ | 8 | 0,9 | 13.750 | 16,8 | 1669 |
| IX „ „ אריבער 3000 „ | 1 | 0,1 | 10.000 | 12,2 | 10000 |
| ס"ה זעהר גרויסע שטרייקן | 9 | 1,0 | 23.750 | 29,0 | 2639 |
| סך הכל | 870 | 100,0 | 81.973 | 100,0 | 94 |

רעכנט צונויף ניט די שטרייקן, נאָר די שטרייקענדע אונטערנעמונגען; הייסט עס, אַז דער מיטלער פאַרנעם פון אַ שטרייק איז נאָך גרעסער, ווי 204 אָנטיילנעמער.

[35]) דער ווייזער אין דער טאַבעלע ווייזט, אין וואָס פאַר אַ ריכטונג מען דאַרף צו־בויפלעגן די %% (ווערטיקאַל אָדער האָריזאָנטאַל) כדי באַקומען אַלע 100 פראָצ; אַנדערש גערעט, דער ווייזער ווערט אומדירעקט (כדי צו שפּאָרן אָרט און צייט) ווייזן, פון וואָס פאַר אַ סכום זענען אויסגערעכנט די פּראָצענטן.

די קליינע שטרייקן, אין וועלכע ס׳באַטייליגען זיך ניט מער ווי צו 50 אָנטיילנעמער אין יעדן, מאַכן אויס צוויי דריטל פון אלע אידישע שטרייקן. די מיניאַטורנע שטרייקן אליין, וואס פארמאגן ניט מער פון צען אָנטיילנעמער, מאַכן אויס אַ גאַנץ פערטל פון אַלע פאַררעגיסטרירטע קאָנפליקטן[36].

אַזעלכע קליינינקע שטרייקן זענען פאַראַן דריי מאָל אַזוי פיל־ווי גרויסע און זעהר גרויסע צוזאַמען. איך וועל נאָך חוץ דעם דערמאָנען, אַז פון די 9 זעהר גרויסע שטרייקן זענען גאַנצע דריי מיט 14.400 אָנטיילנעמער (די גרעסטע העלפט פון די אָנטיילנעמער) אין די זעהר גרויסע שטרייקן אַרויסגערופן געוואָרן ניט דורך אַ דירעקטן צוזאַמענשטויס מיט די בעלי־בתים און טראָגען ניט קיין ריין עקאָנאָמישן כאַראַקטער; דערצו מוז נאָך באַמערקט ווערן, אַז אינ׳ם גרעסטן שטרייק, וואָס די „אידישע גאַס" האָט אַמאָל געזעהן — מיט 10 טויזענד אָנטיילנעמער — זיינען אריינגערעכנט געוואָרן אויך בערך עטליכע טויזנט ניט אידישע אַרבעטער־וועמענס צאל ס׳האָט זיך ניט איינגעגעבן גענוי אויסצורעכנען און אויסצוטיילן (זעה אויבן). בכלל, די זעהר גרויסע שטרייקן (אַריבער 1.000 אָנטיילנ. אין יעדן) מאַכן אויס נאָר 1 % פון אַלע אידישע שטרייקן. אויב מיר וועלן נאָך נעמען אין אַכט, אַז די גרויסע און זעהר גרויסע שטרייקן זענען בלי ספק אַלע

[36]) ווען אין די מקורות אליין רעט זיך בפירוש וועגן אַ „קליינעם" שטרייק, מיינט מען טאַקע גאר אַ מיניאַטורן שטרייק; די קאָרעספאָנדערטן פון דער בונדישער ליטעראַטור רעכנען קיינמאָל ניט די שטרייקן פון די גרופן II און III פאַר קליינע. אָט פאַרוואָס כ׳האָב אין דער טאַבעלע V גערעכנט „קליינע" שטרייקן, אַלס שטרייקן פון דער I טער־גרופע, צו 6 אָנטיילנעמער דורכשניטליך.

אָדער כמעט אַלע פאַרצייכנט געווארן אין די קאָרעספּאָנדענצן, אין דערזעלבער צייט, ווען ס'קען זיין, אַז פון דעם גרעסטן טייל קליינע און פיצינקע שטרייקן איז אין דער ליטעראַטור גאָר קיין זכר ניט געווען, — וועלן מיר קומען צו דער איבערצייגונג, אַז די IX טאַבעלע כאַראַקטעריזירט נאָך ניט אין פולער מאָס דעם נישטיגן פאַרנעם פון אַ געוועגליכן אידישן שטרייק. ס'איז גענוג צו זאָגן, אַז אין אונזערע מאַטעריאַלן טרעפן זיך אָפט שטרייקן מיט 4 אָדער 3 אָנטיילנעמער, עס טרעפן זיך אויך „שטרייקן צו 2 און... צו איין אנטיילנעמער! צום ביישפיל, אין נומ' 193 „פּאָסל. איזוועסטיאַ" לייענען מיר, אַז אין חדש אויגוסט 1904־טן יאָר האָבן אין דער שטאָט שאַוול (קאָוונער גוב.) ערקלערט אַ שטרייק דער איינציגער אַרבעטער און דאָס איינציגע לער־אינגעל פון אַ קאַפּיטאַליסט — אַ קופערשמיד; מיט עפּישער רוהיגקייט און ערנסטקייט, וואָס וואָלטן געפּאַסט פאַר אַ גאר וויכטיג געשעהני'ש, דער־ציילט דער קאָרעספּאָנדענט וועגן די פאָדערונגען פון די „שטרייקענדע", און לאָזט אונז וויסן, אַז דער גראַנדיעזער קאָנפליקט האָט געדויערט גאַנצע דריי טאָג און האָט זיך געענדיגט מיט אַ פאָלקאָמענעם נצחון פונם פּראָלעטאַריאַט... אין נומ' 20 „אַרבעטערשטימע" ווערט דערציילט, אויך מיט אַ משונה'דיגער קאַלטבלוטיקייט, אַז אין דער שטאָט לאָדז האָט אין דער בייגעל־בעקעריי געשטרייקט דער איינ־ציגער אָנגעשטעלטער, פאָדערנדיג אַ באַהעלפער; אָפּגעשטאַנען אַ טאג און אויסגעקעמפט פולע באַפרידיגונג. פונם נומ' 1 „מינסקער אַרבעטער" ווערן מיר געוואויר, ווי אַזוי איין אַרבעטער האָט געשטרייקט דריי טעג נאכאַנאנד, קעמפענדיג פאַר זיינע געזעצליכע

רעכט· איך וואָלט געקאָנט ברענגען ביישפּילן פון נאָך אַזעלכע גרויסאַרטיגע „קאָנפליקטן“ [37]·

כדי צו געבן אַ פאָרשטעלונג וועגן דער גרויס פון די אידישע אונטערנעמונגען, מוזן מיר צוגלידערן אונזערע ציפערן לויט די ווירטשאַפט־צווייגען און קאָלעקטיוויטעט פון די שטרייקן· (זעה טאַבעלע X).

X טאַבעלע· דער פאַרנעם און די קאָלעקטיוויטעט פון די אידישע שטרייקן (צווייטע 5 יאָר)·

| די שטרייקן, איינגעטיילט אין גרופּן, לויטן פאַרנעם | קאָלעקטיווע (אַלגעמיינע) און טיילווייזע): שטרייקן | אָנטייל־נעמער | פאָלקאָם איינצעלנע: שטרייקן | אָנטייל־נעמער | טיילווייזע: שטרייקן | אָנטייל־נעמער |
|---|---|---|---|---|---|---|
| I גרופּע 1-10 אָנטיילנ. | 3 | 27 | 163 | 948 | 14 | 63 |
| II „ 11-25 „ | 26 | 485 | 99 | 1761 | 25 | 439 |
| III „ 26-50 „ | 55 | 2240 | 43 | 1588 | 19 | 689 |
| IV „ 51-100 „ | 84 | 6419 | 37 | 2649 | 8 | 597 |
| V „ 101-200 „ | 58 | 8957 | 18 | 2580 | 8 | 1057 |
| VI „ 201-500 „ | 29 | 9605 | 11 | 3619 | 7 | 2715 |
| VII „ 501-1000 „ | 11 | 8200 | — | — | — | — |
| VIII „ 1001-3000 „ | 7 | 11.950 | 1 | 1800 | — | — |
| IX „ איבער 3000 „ | 1 | 10.000 | — | — | — | — |
| סך הכל | 274 | 57.883 | 372 | 14.945 | 81 | 5560 |

[37]) פאַר די צווייטע 5 יאָר זענען אינגאַנצן פאַררעגיסטרירט 8 שטרייקן צו 2 אָנטיילנ· און 6 „שטרייקן“ צו 1 אָנטיילנעמער· הגם ס׳איז אפילו מאָדנע צו ריידן אין אַזוינע פאַלן וועגן שטרייקן, אָבער זיי געהערן פאָרט אין חשבון, ווייל אויך אַזוינע שטרייקן גייען דורך ביי דער מיטווירקונג פון אַנדערע אַרבעטער און אפילו ביי דער הילף פון דער

אײנטײלנדיג די קאָלעקטיװע שטרײקן אין גרופּן — **קלײנע** (גרופּן I—III), **מיטעלע** (גרופּן IV און V), **גרױסע** (גרופּן VI און VII) און **זעהר גרױסע** (גרופּן VIII און IX) — קומען מיר צו פאָלגענדן אױספּיר: די קלײנע שטרײקן מאַכן אױס כמעט אַ דריטל פון אַלע קאָלעקטיװע שטרײקן; די מיטעלע — אַ העלפט פון אַלע קאָלעקטיװע שטרײקן; די גרױסע — אַ אַכטל און די זעהר גרױסע — קוים אַ דרײסיגסטע טײל. **די דאָזיגע קאָלעקטיװע שטרײקן זענען אָבער צונױפגעשטעלט פון אַ אונגעהױערע צאָל קלײנע אונטערנעמונגען**; ס'טרעפט זיך בײ אונז אַשטײגער אַ שטרײק פון 200 אַרבעטער אין **זעכציג** װערקשטאַטען! די גרױסע און די זעהר גרױסע קאָלעקטיװע שטרײקן נעמען אַרום **פילע הונדערטער** אונטערנעמונגען, װאָס האָבן געשטרײקט אײנצײטיג; אַ בײשפּיל, די אַלגעמײנע װעבער־שטרײקן בײ די לװינקײטניקעס (פאַרמיטלער) אין ביאַליסטאָק אָדער בײ די לײנװעבער אין לאָדז נעמען אַרום צו 300—400 אונטערנעמונגען מיט 1500—2000 אַרבעטער. אנדערע שטרײקן װאַרפן זיך פונאנדער איבער זעהר גרױסע ראַיאָנען, װי למשל, אַ שטרײק פון 600 „קאָנזשאָרטניקעס" (די, װאָס שטעלן צונױף די פּליטען — אַלע אידן) אױפן ניעמאַן, אין קאָװנע און אין

---

אָרגאַניזאַציע. אגב אורחא, שטרײקן צו צװײ אַרבעטער טרעפן זיך — אמת, זעלטענער, װי בײ די אידן — אױך בײ אַנדערע פעלקער (אין צעטל פון די שטרײקן, װאָס איז בײגעלעגט צו דער בעלגישער סטאַטיסטיק, קען מען געפינען פאַר 10 יאָר אַ פּאָר שטרײקן צו 2 אָנט. אָבער ניט אין קלײנע אונטערנעמונגען, נאָר אין גרױסע, אַלס פּשוט טײלװײזע שטרײקן). — פאַר די ערשטע 5 יאָר (1895—1899) האָב איך ניט געפונען אין תחום קײן שטרײקן װעניגער, װי צו 5 אָנטײלנעמער אין יעדן; קלײנע שטרײקן איז אבער דאָ אַ סך: די גרופּן I—III געבן אַ העלפט, VIII און IX נאָר 1—2% פון אַלע שטרײקן.

XI טאַבעלע·

פאַבריק־ און מלאכה־שטרייקן פון די אידישע אַרבעטער לויט קאָלעקטיוויטעט און פאַרנעם (צווייטע פינף יאָר)·

| | קאָלעקטיווע (אַלגעמיינע און טיילווייזע) | | פאָלקאָם איינצעלנע | |
|---|---|---|---|---|
| | פאבריק־שטרייקן | בעלי־מלאכה׳שע שטרייקן | פאבריק־שטרייקן | בעלי־מלאכה׳שע שטרייקן |
| I גרופע: 1—10 אַנט· | | 3 שטרי· מיט 27 אַנט· | 22 אונטערנ· מיט 144 אַרב· | 118 ווערק׳׳שט· מ· 686 אַרב· |
| II „ 11—25 „ | 3 שטר· מיט 60 אַנט· | 20 „ מיט 357 „ | 61 „ מיט 1108 „ | 23 „ מ· 545 „ |
| III „ 26—50 „ | 11 „ מיט 453 „ | 37 „ מיט 1529 „ | 38 „ מיט 1421 „ | 4 „ מ· 131 „ |
| IV „ 51—100 „ | 19 „ מיט 1527 „ | 62 „ מיט 4720 „ | 37 „ מיט 2649 „ | |
| V „ 101—200 „ | 12 „ מיט 2025 „ | 45 „ מיט 6830 „ | 18 „ מיט 2580 „ | |
| VI „ 201—500 „ | 9 „ מיט 2955 „ | 19 „ מיט 6310 „ | 11 „ מים 3619 „ | |
| VII „ 501—1000 „ | 8 „ מיט 6350 „ | 2 „ מיט 1250 „ | | |
| VIII „ 1001—3000 „ | 5 „ מיט 7550 „ | 1 „ מיט 2600 „ | 1 „ מיט 1800 „ | |
| IX „ אַריבער 3000 „ | | 1 „ מיט 10000 „ | | |
| סך הכל | 67 שטר· מיט 20920 אנט· | 190 שטר· מ· 33623 אנט· | 188 פאַבריקן מיט 13321 אַרב· | 154 ווערקשט· מ· 1362 אַרב· |

אירע אומגעגנדן, אין זומער 1901־טן יאָר, אָדער דער גענעראַל שטרייק פון 1500 זאָקנמאַכערינס אין פרילינג 1903־טן יאָר, וועל־כער האָט פאַרכאַפּט אַ גאַנצע ריי שטעט און שטעטלעך איבער׳ן גאַנצן צפון־מערבקאַנט (ווילנע, דווינסק, וויטעבסק, פּאָלאָצק, האָמעל און פיל אַנד.). בולט׳ער וועלן ווערן די פאַר־העלטניסן אין דער טאַבעלע XI, וואו ס׳זענען גענומען נאָר די קאָלעקטיווע און פּאָלקאָם איינצעלנע שטרייקן.

די רעכטע העלפט פון דער טאַבעלע גיט אונז ניט קיין קלאָרע פאָרשטעלונג, ווייל עס בלייבט אומבאַקאַנט די צאָל אונטער־נעמונגען, אין וועלכע ס׳האָבן זיך אָפּגעשפּילט די אַלגעמיינע און גרופּן־שטרייקן. צום באַדויערן, זענען די ידיעות וועגן דעם ענין זעהר אָרעם, ווייל די קאָרעספּאָנדענצן פון דער אַרבעטער־ליטעראַטור האָבן ניט געקאָנט באַרעכנען די צאָלרייכע ווערקשטיבער, וועלכע זענען באַרירט געוואָרן פון יעדן קאָלעקטיוון שטרייק; די צאָל איז גרינג געווען אויסצורעכנען אויף די פאַרזאַמלונגען, וועלכע זענען פאָרגעקומען בעת די שטרייקן, און ס׳איז נויטיג געווען אויסצו־רעכנען ביים צוטיילן די שטרייק־הילף; פאַר דער סטאַטיסטיק אָבער פון די אונטערנעמונגען איז אָפט ניט געווען קיין שום מאָטיוון און מעגליכקייט. דערפאַר איז די צאָל אונטערנעמונגען אָנגעוויזן זעהר זעלטן, — כמעט נור ווען ס׳איז געווען זעהר ווייניג און נאָר אין איין פאַל זענען פאַררעגיסטרירט געוואָרן 60 ווערקשטאטן מיט 200 אַרבעטער און אין אַ צווייטן פאַל 18 ווערקשטאטן מיט 150 אַרב. אין אַלגעמיין איז די צאָל אונטערנעמונגען באַוואוסט ביי 43 בעלי־מלאכה׳שע (קאָלעקט.) שטרייקן, נעמליך 363 אונטערנעמונגען, פון זיי 38 שטר. אין 339 אונטערנעמונגען מיט 2.363 אַרבעטער

און ביי 9 פאַבריק־שטרייקן אין 61 אונטערנעמונגען מיט 836 אַרבעטער. דורכשניטליך מאַכט עס אויס אַריבער 8 אונטערנעמונגען אויף 1 בעלי־מלאכה׳שן קאָלעקטיוון שטרייק — אַ ציפער, וואָס איז, פארשטייט זיך פיל קלענער, ווי די ריכטיגע. דערפאַר אָבער גיט אונז די לינקע טייל פון דער טאַבעלע אַ געוויסע פאָרשטעלונג וועגן דער געווענליכער גרויס פון אַ אידישער אינדוסטריעלער אונטערנעמונג. די גרויס פון אַ ווערקשטאט איז אין אַלגעמיין באַדייטענד, אַרום 9 אַרבעטער; אפילו די קליינע ווערקשטאטן פון דער Iטער גרופע גיבן דורכשניטליך 6 אַרבעטער אויף איין אונטערנעמונג (118 : 686). מען דאַרף אָבער נעמען אין אַכט, אַז גאָר קליינע ווערקשטאטן האָבן זעלטן געשטרייקט אײנציגוויז, דורך איינצעלנע שטרייקן זענען ס׳רוב באַרירט, באַטירליך, גרעסערע ווערקשטאטן, די גאר קלײנינקע האָבן געשטרעבט צו שטרייקן צו־זאַמען מיט אַנדערע: די הויכע מיטעלע ציפער פאַר אַ ווערקשטאט זאָגט גאָרניט וועגן געווענליכן פאַרשפרייטסטן טיפּ פון אַ אידישער בעלי־מלאכה׳שער אונטערנעמונג; די קאָרעספּאָנדענטן פון אַלע שטעט און פון אַלע פראָפעסיעס קאָנסטאַטירן אומעטום די איבער־געוויכט פון גאָר קליינע ווערקשטאטן, צו 2, 3, 4 אַרבעטער. אַזוי אַרום ווערט די אלגעמיין באקאנטע באַאָבאַכטונג וועגן דער „קראנקייט״ פון דער אידישער מלאכה אויף קיין האר ניט אפגעלייקענט דורך מיינע ציפערן, זיי באַווייזן אָבער קלאָר אויך די נאָהענטסטע סבה פון דער דאָזיקער „קראנקייט״: זיי שטעלן אַבסאָלוט פעסט די קאָנצענטראַציע פון קאַפיטאַל און פראָדוקציע, וואס טיילט אויס אויך אין

תחום פון דער גאנצער מאַסע קליינע ווערקשטאטן א ניט גרויסע גרופע פון פאַבריק־אונטערנעמונגען און זאוואָדן, ס׳וואלט געווען אינטערעסאַנט צו דערגייען לכל הפחות אומגעפער, אויף וויפיל האָט זיך אַנטוויקלט אין תחום דער דאָזיגער אומפאַרמיידליכער פראָצעס פון קאַפּיטאַליסטישער קאָנצענטראַציע. אין מיינע מאַטעריאַלן (אין דער ליטעראַטור פון די אַרבעטער־פאַרטייען) זענען דערמאָנט כמעט אַלע גרויסע פאַבריק־אונטערנעמונגען פונם תחום, וועלכע האָבן געשטרייקט אין משך פון די צען יאָר 1905—1896; וועגן יעדן שטרייק פון דעם מין איז, צוליב זיין גרויסער וויכטיקייט, מיטגעטיילט געוואָרן אין דער פּרעסע[38].

ס׳איז כמעט אויך צווייפעללאָז, אַז אין משך פון די צען יאָר, אריינרעכענדיג אויך דאָס 1905טע יאָר, האָבן די שטרייקן און בכלל קאָנפליקטן ניט אויסגעמיטן קיין איין באַדייטענדע פאַבריקאונטערנעמונג אין תחום (האַלטנדיג פאַר באַדייטענדע יענע אונטערנעמונגען, אין וועלכע ס׳זענען באשעפטיגט מער ווי צו 100 אַרבעטער). און פונדעסטוועגן זענען אין דער גאַנצער ליטעראַטור, מיט וועלכער איך האָב מיך באנוצט, דערמאנט פאַרן גאַנצן תחום נאָר 42 פאַבריק־אונטערנעמונגען, וואָס האָבן פאַרמאָגט מער ווי צו הונדערט אַרבעטער אידן[39]. ווען מען זאָל אפילו רעכענען, אַז די דאָזיגע ידיעות זענען ניט גאר פולע, איז דאָך על כל פנים קלאָר דערפון, אַז אין גאַנצען תחום קען מען קוים אָנציילן אַ האַלבע מאה פאַבריקן, אין וועלכע ס׳זאָלן זיין

[38] די דאָזיגע צען יאָר זענען עס גראָד די יארען, ווען ס׳איז ערשינען די גאנצע ליטעראַטור, וועלכע איז אויבן אָנגעוויזן געוואָרען (אין דער באַמערק. 8).

[39] פאַרשטייט זיך, אַז שטרייקן איז אין די אונטערנעמונגען געווען מער ווי 42, ווייל די שטרייקן חזר׳ן זיך דאָך איבער, אין יעדער אונטערנעמונג.

פאַרנומען מער ווי צו הונדערט אַרבעטער־אידן. פון די 42 פאַבריקן איז די געניויע צאָל אַרבעטער באַוואוסט נור בנוגע 36 פאַבריקן מיט 10.726 אַרבעטער (צווישן זיי פיל ניט־אידן); דורכשניטליך, הייסט עס, קומט אויס צו 300 אַרבעטער אויף איין באַדייטענדע פאַבריק (אַריינגערעכנט אויך די באַדייטענדע מינדער־הייט פון אַרבעטער ניט־אידן, וועלכע ס'האָט זיך ניט שטענדיג איינגעגעבן אויסצוטיילן). דער אויספיר דערפון איז, אַז אין אַלע אונטערנעמונגען פון דעם מין, זענען געווען באשעפטיגט לכל הדעות ניט מער ווי 15 טויזענט אַרבעטער, וואָס מאכט אויס, בנוגע צו 300—350 טויזנט אַרבעטער וועלכע בילדן דעם גאַנצן אידישן (אינדוסטריעלן) פראָלעטאַריאַט, אינגאַנצן 4½—5%. הייסט עס, אַז צווישן דעם גאַנצן אידישן פראָלעטאַריאַט קומט אויס מאַקסימום 5% אויף וויפיל ס'איז ניט באַדייטנדע אונטערנעמונגען (אַריבער 100 אַרב. אין יעדער). דאָס קומט פאַר אין דער זעלבער צייט, ווען אין גאַנץ רוסלאַנד זענען 40% פון די אינדוסטריעלע אַרבעטער באַשעפטיגט אין פאַבריקן, וואָס פאַרמאָגן אַריבער 100 אַרבעטער יעדע. אַריבער 1000 אַרבעטער — אידן — זענען געווען פאַרנומען נאָר אין איין פאַבריק (מיט 1.800 אַרב.): נאָר אַ האַלבער פראָצענט פונם אידישן פראָלעטאַריאַט געהערט צו דער אינדוסטריע, וועלכע פאַרדינט ווירקליך דעם נאָמען גרויסע; אין גאַנץ רוסלאַנד קומט אָבער אויס אויף אַזעלכע אונטערנעמונגען, — וואס באשעפטיגען אַריבער 1000 אַרב. אין יעדער, — מער ווי 20%.[40]

[40] זעה א. פאָגאָזשעוו. „די צאָל און באַשטאַנד פון די אַרבעטער אין רוסלאַנד" יאָר 1907; די % % געהערן צום 1902-טן יאָר.

פון די 42 באַדייטענדע אונטערנעמונגען וואס זענען דערמאַנט אין מיינע מקורות, זענען פאַראַן 16 טאַבאַק־פאַבריקן (פון זיי 15 מיט 5.270 אַרב.), 6 שוועבעלעך־פאַבריקן (פון זיי 4 מיט 2400 אַרב.), 7 וועבער־פאַבריקן (מיט 1070 אַרב.) און 13 (פון זיי 10 מיט 1.986 אַרב.) פון פאַרשידענעווירטשאַפט־צווייגן. צו די גרעסטע אידישע אונטערנעמונגען געהערן אויך 13 דער טאַבאַק און שוועבעלעך־אינדוסטריע: 1 טאַבאַק־פאַבריק מיט 1800 אַרב. אין גראָדנע (די גרעסטע אונטערנעמונג אין תחום), 2 שוועבעלעך־פאַבריקן צו 800 אַרבעטער אין דווינסק און באָריסאָוו, מינסקער גוב.), 1 טאַבאַק־פאַבריק מיט 600 אַרבעטער (אין אָדעס), 1 שוועבעלעך־פאַבריק מיט 500 אַרב. (אין פינסק), 2 טאַבאַק־פאַבריקן צו 400 אַרבעטער (אין ביאַליסטאָק און קרעמענטשוג), 1 פאָרצעלייַ־פאַבריק מיט 400 אַרבעטער (אין קאַמעני־בראָד, וואָלינער גוב.), ווייטער גייען קלענערע אונטערנעמונגען[41]. די ציפערן באַווייזן, ווי לאַנגזאַם און פויל ס'גייט אין תחום דער אומפאַרמיידליכער פראָצעס פון דער פראָדוקציאָנסקאָנצענטראַציע.

און אָט שטייט פאַר אונז ווידער דאס פריערדיגע פראָבלעם אין אַנ'אַנדער פאָרם: ווי אַזוי איז עס געשען, אַז אין אַזאַ אָפּגעשטאַנענער אינדוסטריע, אין אַזאַ אנמעכטיגער ווירטשאַפט, וועלכע גייט אַזוי פויל אויפן וועג פון עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג, האָט זיך אָנגעזאַמעלט אַזאַ ענערגיע, אַזאַ שאַרפקייט פון די קלאַסן־אַנטאַגאָניזמען? און ווי אַזוי גראַמט זיך צוזאמען אַזאַ ברייטער פאַרנעם

---

[41]) די אונטערנעמונגן זענען כמעט אַלע דירעקט אָדער אומדירעקט אָנגעוויזן אין יק"א־זאַמעלבוך; לויט די ידיעות פונם זאמעלבוך פאַרנעמט ה׳ ש.־ס טאַבאַק־פאַבריק אין גראָדנע דאָס ערשטע אָרט; 1594 אַרבעטער.

פון דער גאַנצער אַרבעטער־באַוועגונג מיט אַזאַ נעבאַכדיג פאַרנעם פון אירע באַזונדערע טיילן? —

דאָס, וואָס די אידישע אַרבעטער אַליין און די פירער פון די אָרגאַניזאַציעס האָבן לחלוטין ניט געפילט די אָרעמקייט פון דער באַוועגונג, די שמאָלקייט און באַגרענעצטקייט פון איר עקאָנאָמישען אינהאַלט, קען ערקלערט ווערן נאָר דערמיט, וואס דער ברייטער פאַרנעם פון דער באַוועגונג און די אומגעהייערע קאַמפּלוסטיקייט, האָבן אָפּגעה׳רג׳עט יעדען ניכטערנעם קריטישן געפיל: זיי האבן געבראַכט אַ געוועטעניש אויף קנאַקענדיגע פראַזען, די פילפארביגע פוסטקייט פון דער רעוואָלוציאָנערער דרשה האט מיט אַ געדיכטן נעפל פאַרדעקט דעם אמת׳ן אינהאַלט פונם עקאָנאָמישן קאַמף, און פארשטעלט די אויגען פון זיינע אוממיטעלבאַרע העלדן, אָבער אויף זייטיגע און אביעקטיווע צוקוקער פון אַ אַנדערער סביבה, וואס איז רייכער אין כחות און פּאָטענציעס, האָט די אידישע באַוועגונג אָפּט געמאַכט גאר ניט קיין גלענצענדן איינדרוק. דער יעליסאַוועטגראַדער קארעספּאָנדענט פונם N 24 „רעוואָליוציאָנאיא ראָסיאַ“ טיילט מיט, אַז אין זיין שטאָט עקזיסטירט אַ באַוועגונג צווישן די אידישע האַנדעלט־אָנגעשטעלטע און בעלי־מלאכות, איר פאַרנעם אָבער איז אַ נישטיגער און דריקט זיך אויס אין אָפּטע שטרייקן צו 4, 6, 8, מענשן. און אָט, וואָס מיר לייענען נאָך אין 27 „איסקראַ“, וועמען מען קען דאָך בשום אופן ניט חושד זיין אין „בירגערליכקייט“:

„סמאָלענסק. די אַרבעטער־באַפעלקערונג פון סמאָלענסק באַשטייט דער עיקר פון אידן, וועלכע אַרבעטן אין קליינע ווערקשטאטן פון בעלי־מלאכה׳שן טיפּ מיט 2—3, זעלטן מיט 8—10 אַרבעטער . . . פון 1901 יאָר האָט זיך אָנגעהויבן אַ מער אָדער

ווענִיגער באַוואוסטזיניגע באַוועגונג צווישן די אידישע בעלי־מלאכות, כאָטש זי מאַכט דעם איינדרוק גיכער פון אַ מין טומלעניש, איידער פון אַ ריכטיגער באַוועגונג. פון יענער צייט אָן זענען פאָרגעקומען עטליכע שטרייקן, נאָר, חוץ צוויי—דריי, זענען זיי אַלע געווען אַזוי נישטיג, סיי לויטן אינהאַלט, סיי לויט דער צאָל אָנטיילנעמער, אַז זיי פארדינען אפילו ניט דעם נאָמען שטרייק"

---

IV.

## דער ערפאָלג פונם עקאָנאָמישן קאמף.

אין דער שטרייק־סטאַטיסטיק ווערט דער רעזולטאַט פון די שטרייקן כמעט אומעטום באַשטימט פונ׳ם געזיכטפונקט פון די אַרבעטער, ד׳ה׳: 1) אַ נצחון רופט זיך די פולע באַפרידיגונג פון אַלע פאָדערונגען, וועלכע די אַרבעטער האָבן ארויסגעשטעלט, און פאַר אַלע אַרבעטער, וועלכע האָבן אָנטיילגענומען אין שטרייק; 2) אַ מפלה הייסט, אַז די אַרבעטער האָבן, אָפּשטעלנדיג דעם שטרייק, זיך אָפּגעזאָגט פון יעדער באַפרידיגונג; 3) אַ קאָמפּראָמיס, אָדער אַ טיילווייזער ערפאָלג, אָדער קעגנזייטיגע הנחות באַדייטן, אַז ס׳איז באַפרידיגט געוואָרן נאָר אַ טייל פאָדערונגען, אָדער פון אַ טייל אַרבעטער, און דערביי איז ניט וויכטיג, צו ס׳איז באַפרידיגט געוואָרן אַ גרויסע, צי אַ קליינע טייל פון די אַרבעטער, וויכטיגע צי ניט וויכטיגע פאָדערונגען.

## XII טאַבעלע· די טיילונג פון די אידישע שטרייקן לויט זייערע רעזולטאַטן·

| יאָר | שטרייקן, וועגן וועלכע ס'איז באַקאַנט· | פון זיי האָבן זיך געענדיגט (אין אַבסאָלוטע צאָלן): מיט אַ נצחון | מיט אַ קאָמפּראָמיס | מיט אַ מפלה | פון זיי האָבן זיך געענדיגט (אין פּראָצענטן): מיט אַ נצחון | מיט אַ קאָמפּראָמיס | מיט אַ מפלה |
|---|---|---|---|---|---|---|---|
| 1895 | 65 | 46 | 4 | 15 | 70,8 | 6,1 | 23,1 |
| 1896 | 11 | 9 | — | 2 | 81,8 | — | 18,2 |
| 1897 | 51 | 38 | 6 | 7 | 74,5 | 11,8 | 13,7 |
| 1898 | 69 | 57 | 8 | 4 | 82,6 | 11,6 | 5,8 |
| 1899 | 117 | 85 | 16 | 16 | 72,6 | 13,7 | 13,7 |
| סך־הכל פאַר די ערשטע 5 יאָר | 341[42] | 251 | 37 | 53 | 73,6 | 10,9 | 15,5 |
| 1900 | 206 | 155 | 29 | 22 | 75,2 | 14,1 | 10,7 |
| 1901 | 330 | 243 | 39 | 48 | 73,6 | 11,8 | 14,6 |
| 1902 | 239 | 170 | 33 | 36 | 71,1 | 13,8 | 15,1 |
| 1903 | 171 | 118 | 32 | 21 | 69,0 | 18,7 | 12,3 |
| 1904 | 70 | 50 | 14 | 6 | 71,4 | 20,0 | 8,6 |
| סך הכל פאַר די צווייטע 5 יאָר | 1022[42] | 741 | 147 | 134 | 72,5 | 14,4 | 13,1 |

**ווי מיר זעהען וואַקעלט זיך דער ערפאלג פון די אידישע שטרייקן זעהר ווענינ·**

---

[42]) אין די ס״ה פאַר 5 יאָר זענען אַריין אַ״יך די שטרייקן וועמענס כראָנאָלאָגיע ס'איז ניט גאַר אין גאַנצען געגוי באַוואוסט· מען מוז געדענקן, אַז צום באַדויערן איז ניט

די שטרייקן, וואָס האָבן זיך געענדיגט מיט אַ פּאָלקאָמענעם נצחון, האַלטן זיך כמעט די גאנצע צייט אויף איין הויך און מאַכען אויס אומגעפער דריי פירטעל פון אַלע שטרייקן. די ערפאָלגרייכקייט דערגרייכט דעם מאַקסימום — 88·6% — אין 1898טן יאָר און כאַלט ביזן מינימום — 69% — אין 1903טן יאר; די אַמפּליטודע פון די וואַקלונגען (ד. ה. אין אונזער פאַל — דער חילוק צווישן דער גרעסטער און דער קלענסטער ערפאָלגרייכקייט) איז אינגאַנצן 13½%. מיט אַ פּאָלקאָמער מפּלה ענדיגט זיך געוועגליך וועניגער ווי אַ זיבעטל פון אַלע שטרייקן; די אַמפּליטודע פון די וואַקלונגען איז נאָך פאר די ערשטע 5 יאָר גענוג גרויס (23·1% — 5·8% = 17·3%), פאַר די צווייטע 5 יאָר איז זי אָבער אינגאַנצן גלייך 6½%. די שטרייקן, וואָס האָבן זיך געענדיגט מיט אַ טיילוויזן ערפאָלג, וואַקלען זיך אומגעפער אין די זעלבע גרענצן און מאַכן אויס דורכשניטליך עטוואס מער, ווי אַ אַכטל פון אַלע שטרייקן. מיט איין וואָרט, דער גליק האָט כמעט שטענדיג באַגלייט דעם קאמף פון׳ם אידישן פּראָלעטאַריאַט. צו דעמזעלבן אויספיר וועלן מיר קומען, אויב מיר וועלן נעמען נאָר יענע שטרייקן, וועגן וועלכע ס׳איז באַוואוסט די צאָל אָנטיילנעמער (נאָר פאַר די צווייטע 5 יאָר).

וועגן אלע שטרייקן באַוואוסט דער רעזולטאַט; אבער בנוגע דער גרעסטער מאיאריטעט שטרייקן איז דער רעזולטאט באוואוסט. אַזעלכע פאַרפעלונגען עקזיסטירן אין יעדער שטרייקסטאַטיסטיק. זיי זענען נישטיג אין דער דייטשער, ענגלישע אַמעריקאנישער סטאַטיסטיק און גענוג גרויס אין דער רוסישער, שפּאַנישער, האָלענדישער, שווייצארישער, קאַנאַדער און אין אונזער אידישער).

## XIII טאַבעלע.

### די רעזולטאַטן פון די שטרייקן לויט זייערע אנטיילנעמער.

| יאָר | דער רעזולטאַט באַוואוסט: שטרייקן | דער רעזולטאַט באַוואוסט: אַרבעטער | פון זיי האָבן זיך געענדיגט (אין אַבסאָלוטע צאָלן) — מיט אַ נצחון: שטרייקן | מיט אַ נצחון: אַרבעטער | מיט אַ קאָמפּראָמיס: שטרייקן | מיט אַ קאָמפּראָמיס: אַרבעטער | מיט אַ מפּלה: שטרייקן | מיט אַ מפּלה: אַרבעטער | פון זיי האָבן זיך געענדיגט (אין % %) — מיט אַ נצחון: שטרייקן | מיט אַ נצחון: אַרבעטער | מיט אַ קאָמפּראָמיס: שטרייקן | מיט אַ קאָמפּראָמיס: אַרבעטער | מיט אַ מפּלה: שטרייקן | מיט אַ מפּלה: אַרבעטער |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| 1900 | 163 | 10.808 | 124 | 6969 | 24 | 2644 | 15 | 1195 | 76,1 | 64,5 | 14,7 | 24,5 | 9,2 | 11,0 |
| 1901 | 245 | 13.699 | 183 | 9464 | 30 | 2222 | 32 | 2013 | 74,7 | 69,1 | 12,2 | 16,2 | 13,1 | 14,7 |
| 1902 | 177 | 14.538 | 122 | 10149 | 27 | 2409 | 28 | 1980 | 68,9 | 69,8 | 15,3 | 16,6 | 15,8 | 13,6 |
| 1903[48] | 120 | 19.158 | 80 | 10418 | 26 | 5619 | 14 | 3121 | 66,6 | 54,4 | 21,7 | 29,3 | 11,7 | 16,3 |
| 1904 | 56 | 2.849 | 43 | 1741 | 8 | 754 | 5 | 354 | 76,8 | 61,1 | 14,3 | 26,5 | 8,9 | 12,4 |
| אין אַלעמען 5 יאָר | 762 | 61.082 | 552 | 38741 | 115 | 13648 | 95 | 8693 | 72,4 | 63,4 | 15,1 | 22,4 | 12,5 | 14,2 |

די ניט געלונגענע שטרייקן האַלטן זיך דאָ אויך אויף דערזעלביגער שטופע, זיי מאַכן אויס אַ אַכטן טייל פון אַלע קאָנפליקטן (12,5 %), און זייערע אָנטיילנעמער מאַכן אויס אַ זיבעטל פון אַלע שטרייקענדע אַרבעטער. מיט ערפאָלג (פולן נצחון) ענדיגן זיך כמעט ¾ פון אַלע שטרייקן, און דעם ערפאָלג נוצן אויס כמעט צוויי דריטל פון אַלע שטרייקנדע. די אַמפּליטודע פון די וואַקלונגען מאַכט אויס 10 %

[48]) אַהער זענען ניט אריינגערעכנט 2 גרויסע שטרייקן פונם 1903־טן יאָר מיט דער אַלגעמיינער צאָל פון 12 600 אַנטיילנ. וועלכע זענען ניט געווען קעגן די אונטערנעמער (זעה אויבען) פון זיי האָט זיך איינע געענדיגט כמעט מיט אַ פולן נצחון פון די אַרבעטער (10 000 אַנטיילנ.), די צווייטע, ווי אַ דעמאָנסטראַטיווע (אויס סאָלידאַריטעט), האָט געהאַט ערפאָלג שוין מיט דעם אליין וואס זי איז דורכגעגאַנגען חבר'יש.

פאַר די שטרייקן, וועלכע האָבן זיך געענדיגט מיט ערפאָלג, און 15 % פאַר זייערע אָנטיילנעמער. ס'איז מערקווירדיג, אַז דער פּראָצענט פון די ערפאָלגלאָזע שטרייקן אין די יאָרן פון אינדוסטריעלע קריזיסן (1900, 1903 און 1904) איז, — ווידער־שפּרעכענדיג דעם אַלגעמיינעם געזעץ, — ניט קיין גרעסערער, און אין יאָרן פון אַלגעמיינער עקאָנאָמישער געפאַלענקייט, ווען ביי אַנדערע פעלקער העכערט זיך דוקא דער % פון ערפאָלגלאָזע שטרייקן, שטייגט ביי די אידן נאָר דער % פון די שטרייקן מיט טיילוויזן ערפאָלג (קאָמפּראָמיס), אי דאָס ניט אַזוי פון די שטרייקן, ווי פון די אָנטיילנעמער אין די דאָזיגע קאמפּראמיס־שטרייקן. דאָס 1903 טע יאָר גיט דעם מינימום פון די שטרייקן מיט ערפאָלג און דעם מאַקסימום פון קאָמפּראָמיסן און מפּלות; דאָס איז דערפאַר, ווייל אין 1903־טן יאָר איז געווען פאַר־העלטניסמעסיג אַסך פאַבריק־שטרייקן, און די לעצטע ווי מיר וועלן אינגיכן זעהן, גיבען אַ פיל קלענערן % פון ערפאָלג, איידער די בעלי־מלאכה'שע. — אינטערעסאַנט איז אויך דער דורכשניטליכער פאַרנעם פון די שטרייקן: אויף איין שטרייק מיט ערפאָלג קומט אויס דורכשניטליך 70 אָנטיילנעמער, אויף איין שטרייק, וואָס האָט זיך געענדיגט מיט אַ קאָמפּראָמיס — 119 אָנטיילנעמער, אויף איין פאַרשפּילטן שטרייק — 91 אָנטיילנעמער, קומט אויס, אַז קליינע שטרייקן ענדיגען זיך מיט גרעסערן ערפאָלג, איידער גרויסע, און וואָס קלענער דער שטרייק איז, אַלץ גרעסער זענען די מעגליכקייטן פון אַ פולן נצחון. אָבער אין דער הינזיכט שטעלט דער אידישער פּראָלעטאַריאַט ניט פאָר קיין שום אויסנאַם: דאָס איז כמעט אַן אַלגעמיינע ערשיינונג.

אין א סך לענדער, אַז גרויסע שטרייקן האָבן וועניגער ערפאָלג, ווי קליינע, און שטרייקן, וועלכע ענדיגן זיך מיט אַ מפלה אָדער מיט אַ קאָמפּראָמיס זענען לויטן פאַרנעם גרעסער, ווי יענע, וועלכע ענדיגען זיך מיט אַ נצחון.

פונקט ווי ס׳איז אויסטערליש דער פאַרנעם פון דער אידישער אַרבעטער־באַוועגונג, אזוי שטעט אויך איינציג אין דער געשיכטע דער אומגעהייערער ערפאָלג פון די אַרבעטער. פון די געבראַכטע ציפערן איז קלאָר צו זען, אַז נאָר איין אַכטן טייל פון זיינע צוזאַמענשטויסן מיטן קאַפּיטאל האט דער יודישער ארבייטער פאַרלאָרען. מען קען אָבער טיפער ארייננדרינגן אין דעם זין פון די דאָזיגע ציפערן, צוטיילנדיג די שטרייקן, וואָס האָבן זיך געענדיגט מיט אַ קאָמפּראָמיס אויך אויף 3 ערליי: 1. כמעט ערפאָלגרייכע וועלן מיר אָנרופן יענע שטרייקן, וועלכע האָבן זיך געענדיגט מיט דער באַפרידיגונג פון דעם גרעסטן אָדער דעם וויכטיגסטן טייל אַרבעטער אָדער פאָדערונגען; 2. כמעט ער־פאָלגלאָזע וועלן מיר אָנרופן יענע שטרייקן, ביי וועלכע די וויכטיגסטע פאָדערונגען פון די אַרבעטער זענען ניט באַפרידיגט גע־וואָרן; 3. אַלע איבריגע קאמפראמיס־שטרייקן וועלן מיר אָנרופן אויף דער העלפט ערפאָלגרייכע. פון דער אַלגעמיינער צאָל שטרייקן פאַר די צווייטע 5 יאָר זענען כמעט ערפאָלגרייך געווען 61 שטרייקן מיט 6486 אָנט., אויף דער העלפט ערפאָלגרייך — 45 שטר. מיט 6498 אָנטיילנ. און כמעט ערפאָלגלאָז נאָר 9 שטרייקן מיט 664 אָנט.; צורעכנענדיג די כמעט־ערפאָלגרייכע צו די פאָלקאָם־ערפאָלגרייכע און די כמעט־ערפאָלגלאָזע צו די פאָלקאָם ערפאָלגלאָזע, באקומען מיר פאַר די צווייטע 5 יאָר פאלגענדעס בילד:

## טאבעלע b. XIII די כחות־פאַרהעלטניסן פון אַרבעט און קאפיטאל אין עקאָנאָמישן קאַמף.

| | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|
| די אַרבעטער זענען געווען שטאַרקער פאר די קאפיטאליסטן | אין | 613 שטרייקן | (80,4%) | מיט | 45.227 אָנטיילנ. | (74,1%) |
| די כחות־גלייכגעוויכט פון אַרבעט און קאַפיטאַל | „ | 45 | (5,9%) „ | „ | 6.498 | (10,6%) |
| די קאַפיטאַליסטן זענען געוועזן שטאַרקער | „ | 104 | (13,7%) „ | „ | 9.357 | (15,3%) |
| ס״ה . . . . . . . . . | | 762 | (100%) „ | „ | 61.082 | (100%) |

קומט אויס, אַז אויף דער אידישער גאס זענען די אַרבעטער געווען שטאַרקער פון זייערע אונטערנעמער אין פיר פינפטל פון אַלע קאָנפליקטן, און דריי פירטעל פון די אַרבעטער, וואָס האָבן געשטרייקט, זענען געווען שטאַרקער פון זייערע בעלי־בתים לויטן דרוק און ווידערשטאַנדס־קראפט. די קאַפיטאַליסטן אָבער פונם תחום האָבן באַוויזן אַיינצוהיטן זייערע פאזיציעס אָדער באַפרידיגן זייערע אַפעטיטן נאָר אין אַ זיבעטן טייל פון אַלע קאָנפליקטן און נאָר אַ זעקסטל פון די שטרייקנדע אַרבעטער האָבן זיך אונטערגעגעבן אונטערן דרוק אָדער ווידערשטאַנד פון די קאַפיטאליסטן[44].

יאָ, אַ אויסערגעוועגליכער, איינציגארטיגער גליק! קוקט אדרבה אדורך די פאָלגענדע טאַבעלע:

[44] דער לעזער פארשטייט אז אַבסאָלוט זענען די קאַפיטאַליסטן עקאנאָמיש שטענדיג שטאַרקער פון די ארבעטער; דאָ אָבער נעם איך די כחות־פאַרהעלטניסן רעלאַטיוו, אין דער ספערע פונ׳ם עקאָנאָמישן קאַמף.

## טאַבעלע XIV[45]. דער ערפאָלג פונם עקאָנאָמישן קאַמף אין פאַרשידענע לענדער.

| לאנד אָדער פאָלק | פעריאָד | רעזולטאַט (אין % %) שטרייק. אָדער אַנט. | | |
|---|---|---|---|---|
| | | נצחון פון די אַרבעט. | קאָמפּראָמיס | מפלה פון די אַרבי. |
| בעלגיען | 1901—1905 | 7,5 | 8,5 | 84 |
| עסטרייך | 1894—1902 | 9 | 63 | 28 |
| פראַנקרייך | 1900—1904 | 13 | 64 | 23 |
| האָלאַנד | 1901—1904 | 18 | 17 | 65 |
| איטאַליען | 1900—1903 | 22,5 | 50,5 | 27 |
| גרויסבריטאניען | 1900—1904 | 30 | 35 | 35 |
| שפּאַניען | 1904—1905 | 34 | 14 | 52 |
| פאַראייני. שט. פון צ.־אַמעריקע | 1881—1900 | 35 | 17 | 48 |
| קאַנאַדע | 1901—1904 | 35 | 30 | 35 |
| שווייץ | 1860—1900 | 48 | 26 | 26 |
| דייטשלאַנד | 1900—1904 | 49,5 | 22 | 28,5 |
| אייראָפּעאישע רוסלאַנד | 1900—1904 | 26 | 17,5 | 56,5 |
| דער תחום (אידיש. באַפעלקערונג) | 1900—1904 | 63,5 | 22,5 | 14 |

[45]) איך האָב געזעהן אומעטום נעמען דעם רעזולטאַט אין % % פון די שטרייקנדע אַרבעטער, נאָר אין איניגע פאַלן האָט זיך עס מיר ניט איינגעגעבן און וועגן איניגע לענדער האָב איך געמוזט נעמען דעם % פון די שטרייקן. אומעטום זענען די % % אויסגערעכנט נאָר בנוגע יענע שטרייקן (אָדער זייערע אָנטיילנעמער), וועגן וועלכע ס'איז באַוואוסט דער רעזולטאַט. — פאַר דייטשלאַנד האָב איך גענומען ניט די אָפיציעלע ידיעות, נאָר די סטאַטיסטיק פון דער גענעראל קאָמיסיע, פון די געווערקשאפטן, ווייל אירע באַריכטן זענען גענויער און אָביעקטיווער.

דאָס וואונדערבאַרע קאַמפּסגליק, וואָס האָט באַלויכטן דעם וועג פונם אידישן פּראָלעטאַריאַט, וועט אפשר נאָך קלארער ווערן, ווען מיר וועלן די לעצטע טאַבעלע פאַרשטעלן גראַפיש.

פון דער דיאַגראַם ווי פון דער טאַבעלע XIV, איז צו זעהן, אַז בנוגע דער ערפאָלגרייכקייט פונם עקאָנאָמישן קאַמף, האָט דער תחום העט ווייט אריבערגעשטיגן דאָס גאַנצע איבריגע רוסלאַנד, גאַנץ מערב־אייראָפּע, האָט מיט זיינע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס אריבערגעיאגט די מעכטיגע פּראָפעסיאָנעלע יוניאָנס פון גרויס־בריטאַניען, פון די פאַראייניגטע שטאַטן, פון די געווערקשאפטן אין דייטשלאַנד ... אין דער גאָרער וועלט קרוינט דער אַרבעטער־נצחון אַ צענטל, אַ פינפטל, אַ פירטל, אַ דריטל, זעלטן וואו די העלפט פון אַלע קאָנפליקטן, אין דער צייט ווען די אידישע אַרבעטער האַלטן אָפּ נצחונות אין דער איבערוויגנדער מערהייט פון פאַלן, די פּראָלע־טאַריער פון אַנדערע פעלקער האָבן אין אַלגעמיין מער מפּלות ווי נצחונות, ביי אונז אבער ליידן די אַרבעטער זעהר זעלטן אַ מפּלה, וואס פאר אַ וואונדערבאַרער ערפאָלג!

אָט אין דער קרומער ליניע פון נצחונות, וועלכע פלאַטערט אין תחום אַזוי הויך איבער דער גאנצער איבריגער וועלט, אָט אין די נידריגע ליניען פון קאָמפּראָמיסן און מפּלות וואס קריכן אין תחום נידעריגער ווי אין אלע טיילן פון דער וועלט — אט אין זיי ליגט דער שליסל צום ביישפּיללאָזן, לעגענדארן ערפאָלג פונם בונד אויף דער אידישער „גאַס“, אין זיי ליגט דער סוד פונ׳ם ברייטן פאַרנעם וואס די אַרבעטערבאַוועגונג האט אנגענומען אינם תחום[46]. איך

---

[46] צוליב מאַנגל אין פּלאַץ וועל איך ניט ברענגען קיין ציפערן (לויט באַזונדערע יאָרן) וועלכע וואָלטן באַוויזן, אַז אפילו דער מ אַ ק ס י מ אַ ל ע ר ערפאָלג פון די ארבעטער

מוז באַמערקן, אַז ניט פאַר אַלע קאַטעגאָריעס פון די אידישע אַרבעטער האָט גלייך „געשפּילט דאָס גליק" אין עקאָנאָמישן קאַמף און ס'איז גרינג צו זעהן, ווי טיף ס'איז דער אונטערשיד אין ערפאָלג צווישן די פאַבריקן און צווישן מלאכה־אינדוסטריע (ז. פאָלגענדע טאַבעלע XV). כדי בולט'ער צו מאַכן די אייגענשאַפטן פון דער פאַבריק־אינדוסטריע, האָב איך געמוזט אויסטיילן יענע אונטערנעמונגען, וועלכע האבן א אויסגעשפּראכענעם פאַבריק־כאראקטער. גייענדיג נאָך זאָמבאַרטן, האָב איך אויסגעטיילט יענע אונטערנעמונגען, אין וועלכע ס'זענען באשעפטיגט ניט ווייניגער, ווי צו 20 אַרבעטער. אָט די דאָזיגע אונטערנעמונגען, צום אונטערשיד פון סתם־פאבריק, רוף איך אן „אויסגעשפּראָכענע פאַבריק־אונטערנעמונגען"[47]. אָט די אויסגעשפּראָכענע פאַבריק־אונטערנעמונגען האָב איך חוץ דעם צוטיילט אויף 3 גרופּן: 1. קליינע, אין וועלכע ס'זענען באשעפטיגט פון 20 ביז 50 אַרבעטער; 2. מיטלע, אין וועלכע ס'זענען באשעפטיגט פון 51 ביז 200 אַרבעטער און 3. גרויסע, וואס באשעפטיגן אַריבער 200 אַרבעטער.

---

ביי אַנדערע פעלקער דערגרייכט קיינמאָל ניט ביזן מיטלען ערפאָלג פון די אידישע ארבעטער, און זעהר זעלטן דערגרייכט דער מאַקסימום ערפאָלגרייכקייט אין דער גאנצער וועלט צום מינימום ערפאלגרייכקייט אינ'ם אידישן תחום. איך וויל נאָך באַמערקן, אַז די אַמפּליטודע פון די ערפאָלג־וואַקלונגן איז ביי אַנדערע פעלקער פיל גרעסער, ווי ביי די אידן.

[47]) אין דער בראָשור „Das Proletariat" (N 1 פון דער סעריע „Gesellschaft", וואס ס'האט ארויסגעגעבן מארטין בובער) רופט אָן זאָמבאַרט יענע אַרבעטער וועלכע אַרבעטן ניט ווייניגער ווי צו 20 מענשן אויף איין אונטערנעמונג, „Vollblutproletarier".

## XV טאַבעלע. דער רעזולטאַט פון די אידישע שטרייקן לויט די ווירטשאַפט־צווייגן און לויט דער טעכנישער אַנטוויקלונג פון דער אינדוסטריע (פאַר די צווייטע 5 יאָר).

| ווירטשאַפט־צווייגן | דער רעזולטאַט פון די שטרייקן | | | | | | דער רעזולטאַט לויט די אָנטייל־נעמער און די שטרייקן | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| | אַבסאָלוטע צאָלן | | | פּראָצענטן | | | אַבסאָלוטע צאָלן | | | פּראָצענטן | | |
| | נצחון | קאָמפּראָמיס | מפּלה | נצחון | קאָמפּראָמיס | מפּלה | נצחון | קאָמפּראָמיס | מפּלה | נצחון | קאָמפּראָמיס | מפּלה |
| בעלי־מלאכה׳שע | 303 | 47 | 30 | 79,7 | 12,4 | 7,9 | 14,402 | 3520 | 1655 | 73,6 | 17,9 | 8,5 |
| האַנדעל־ און טראַנס־פּאָרט־שטרייקן | 40 | 6 | 6 | 77,0 | 11,5 | 11,5 | 3,458 | 131 | 57 | 94,8 | 3,6 | 1,6 |
| פאַבריק־שטרייקן (ניט אויסגעשפּראָכענע) | 208 | 61 | 5? | 63,4 | 18,6 | 18,0 | 20,863 | 9977 | 6981 | 55,2 | 26,4 | 18,4 |
| אויסגעשפּראָ־כענע פאבריק־שטרייקן[48] — קליינע | 46 | 11 | 10 | 68,7 | 16,4 | 14,9 | 1,453 | 406 | 346 | 65,9 | 18,4 | 15.7 |
| — מיטלע | 33 | 13 | 12 | 56,9 | 22,4 | 20,7 | 3,330 | 1124 | 1226 | 58,6 | 19,8 | 21.6 |
| — גרויסע | 5 | 7 | 5 | 29,4 | 41,2 | 29,4 | 2,050 | 2284 | 3100 | 27,6 | 30,7 | 41,7 |
| ס״ה אויסגעשפּראָכענע פאבריק־שטרייקן | 84 | 31 | 27 | 59,2 | 21,8 | 19,0 | 6,833 | 3814 | 4672 | 44,6 | 24,9 | 30,5 |

**ווייזט זיך אַרויס (טאַב. XV און די דיאגראַם), אַז דעם גרעסטן ערפאָלג אין זייער עקאָנאָמישן קאַמף האָבן די אידישע בעלי־מלאכות**

---

48) אַהער זענען אַריינגערעכנט געוואָרן אַלע פאָלקאָם־איינצעלנע פאַבריק־שטרייקן (ניט ווייניגער פון 20 אַרבעטער אין יעדן), יענע קאָלעקטיווע שטרייקן, בנוגע וועלכע ס׳האָט זיך איינגעגעבן קלאָר צו מאַכן די דורכשניטליכע גרויס פון די שטרייקנדע אונטערנע־מונגען (ווייל ס׳איז אנגעגעבן די צאָל פון די אונטערנעמונגען) און איינציגע טיילווייזע: יענע, ביי וועלכע דער שטרייקנדער טייל פון דער אונטערנעמונג איז ניט קלענער, ווי די מינימאַלע אונטערנעמונג פון דער געגעבענער גרופּע. די באַשרענקונג איז געמאַכט געוואָרן, כדי אויסצומיידן אַ צו גרויסן עקאָנאָמישן און אַריטמעטישן מישמאַש, וועלכן ס׳וואָלטן אַריינגעבראַכט די גאַר קליינינקע טיילווייזע שטרייקן.

האַנדלסאַנגעשטעלטע און ניט קוואַליפיצירטע אַרבעטער; די פאַבריק־אינדוסטריע איז שוין פאַר די אידישע אַרבעטער אַ באָדן, וואָס איז פיל וועניגער גינסטיג פאַר זייער עקאָנאָמישן קאַמף. און ווייטער: אויב אין דער מלאכה, האנדל און טראַנספּאָרט איז דער ערפאָלג פון די אידישע שטרייקן אונגעהייער גרעסער, ווי ביי אַנדערע פעלקער פון אייראָפּע און אַמעריקע, שטייגט עס אָבער אין די אויסגעשפּראָכענע פאַבריק־אונטערנעמונגען ניט אריבער די געוועהנליכע נאָרמע פון אייניגע אייראָפּייאישע לענדער, און אויף דער גרויסער פאַבריק פאַלט ער שוין גאָר נידריג; בנוגע די שטרייקן אויף די גרויסע פאַבריקן געפינט זיך דער תהום אויף דער זעלביגער מדרגה, ווי דאָס גאַנצע איבריגע רוסלאַנד, איטאַליען, שפּאַניען, אויף דער קליינער אידישער פאַבריק האַלטן נאָך אָפּ 2/3 פון די אַרבעטער אַ פאָלקאָמענעם נצחון איבער די אונטערנעמער, אויף דער מיטלער — שוין נאָר 3/5, און אויף דער גרויסער פאַבריק האָט אַ צווייפעללאָזן ערפאָלג אין קאַמף שוין בלויז אַ פערט־חלק פון די אַרבעטער; די אידישע אַר־בעטער אויף דער גרויסער פאַבריק, אין געגנזאַץ צו אַלע קלענערע, בעלי־מלאָכה׳שע, האַנדל־ און פאַבריק־אונטערנעמונגען, פארשפּילן דעם קאַמף מיטן קאַפּיטאַל עפּטער איידער זיי געווינען אים.

די טאַב. XVI גיט אונז אַ רמז, ווי אזוי צו פארשטיין די וואונדערבאַרע ערפאָלגן פון דער אידישער אַרבעטער־באַוועגונג אין איר ברייטן פאַרנעם: ס׳ווייזט זיך ארויס, אַז אין אַוואַנגאַרד פון דער אידישער אַרבעטער־באַוועגונג איז געשטאַנען ניט די גרויסע פאַבריק־אינדוסטריע,

זוי ביי אַנדערע פעלקער, נאָר די חרב־ווערענדיגע מלאכה און דער ארימער ווארשטאט מיטן פיצינקען פאַרנעם און מיט דעם פרימי־טיוון, נידריגען טעכנישן אויפבוי. אזוי זענען מיר דערגאנגען ביז צו דער סאמע רעטעניש פון דער אידישער עקאָנאָמיק; אט דאָ ווערט ערשט באשיינפערליך קלאָר די אייגנארטיקייט און די אַנאָמאַליע פון דער אידישער ווירקליכקייט. איצט ווייסן מיר, וואו מען דאַרף זוכן די סבה פון אַזאַ ביישפיללאָזער קאַמפּספּעהיקייט פונם אידישן פראָלעטאריאט: מען דארף זי זוכן אין דער סאָציאַלער סטרוקטור און אין דער פיזיאָלאָגיע פון דער אידישער מלאכה. דאס פראָבלעם פאַרלירט אָבער ניט דורכדעם איר שאַרפקייט; פאַר־קערט, לויטן אַלגעמיינעם געזעץ נויטיגט זיך די ערפאָלגרייכקייט פונם עקאָנאָמישן קאַמף אין אַ „גינסטיגער קאָניונקטור" אויפן מארק, אין אַ פערמאַנענטער שטייגערונג פון דער גאַנצער פראָדוקציע; קען דען אָבער אימיצער האבען א ספק וועגן דעם, אז די אידישע מלאכה אין תחום לעבט גראָד אין משך פון די לעצטע צוויי צענדליג יאָר איבער אַ טיפען קריזיס?

אין אסך פאַלן קענען די ערשיינונגען פונם אידישן לעבן דינען כמעט ווי אַ פּרובירשטיין פאַר פאַרשידענע סאָציאָלאָגישע דאָק־טרינען; און אט די ערשיינונגען, וועגן וועלכע מיר האָבן דא גערעט, שטעלן אויך אוועק אונטער אַן ערנסטער פראבע אייניגע פאר־שפרייטע מיינונגען וועגן קאַמף פונם אַרבעטער־קלאס. ארויסגייענדיג פון די ציפערן, וועלכע מיר האָבן אויסגערעכנט, קומט אונז אויס אָדער אפצוואַרפן די לאָגיארישע כללים פון פראָפעסיאָנעלן קאַמף ביי אַנדערע פעלקער, וועלכע פסק׳ענען קלאר, אז א לאַנגדויערנ־דיגן ערפאָלג פונם ארבייטערקלאס איז אונמעגלעך ביי אַ אונגינס־

טיגער מארק־קאָניונקטור; אָדער, צומאכן די אויגן אויף אַלע פאקטן פונם אידישן לעבן, און איינרעדן זיך און יענעם, אַז אַלץ איז ביי אונז אויסגעצייכענט גוט, נאָך מער ווי גוט, גלענצענד; אָדער, ענדליך, איינצוזעהן אין אונזערע וואונדערבארע ציפערן דעם סימן פון אַ משונה׳דיג גיפטיגער גלות־איראָניע, דעם פראָדוקט פון עפיס גאָר אייגנארטיגע און אויסטערלישע פארעלטעניסן אויף דער אידישער „גאס“, וועלכע עס קען ניט קיין אומה ולשון.

לאָמיר מיר פאָרשן ווייטער.

---

V.

## די סבות פון די אידישע שטרייקן.

אַדם סמיט האָט שוין איינגעטיילט די סבות פון די שטרייקן און די פאָדערונגן, וועלכע זענען אין זיי אַרויסגעשטעלט געוואָרן, אין צווי מינים: אין אזעלכע וואָס טראָגן אַ פאַרטיידיגונגסכאַראַקטער און אין אזעלכע וואָס טראָגן אַ אָנגרייף־כאַראַקטער; און אין דער מאָדערנער שטרייק־סטאַטיסטיק איז טאַקי אפט אנגענומען אַזאַ צו־טיילונג[49]. אין דעם זין זענען די אַרבעטער פון אַלע רוסלענ־דישע פעלקער אַוועקגעשטעלט אין באַזונדערע באַדינגונגען. אין מער פאָרטגעשריטענע לענדער, וואו עס עקזיסטירט אַ געוויסע פרייהייט פון פראָפעסיאָנעלע פאַראייגען, פאַרזאַמלונגען און קאָאַליציעס, שטעלן געוועגליך די אַרבעטער, וואס זיינען אָנגעפירט דורך די פראָפעסיאנעלע פאַראיינען, אַרויס זייערע פאָדערונגען, איידער זיי ערקלערן דעם שטרייק: דער שטרייק הויבט זיך אָן ערשט דאַן

49) פארטיידיגונגסשטרייקן הייסן יענע, וועלכע ווערן ארויסגערופן דורך דעם, וואָס די בעלי־בתים ווילן ערגער מאכן די ארבעט־באדינגונגען; ווען די ארבעטער אָבער ער־קלערן דעם שטרייק לויט זייער אייגענער איניציאטיווע, פאָדערנדיג די פארבעסערונג פון די עקזיסטירנדע ארבעט־באדינגונגען, ווערט עס אָנגערופן אָנגרייף־שטרייק. דער דאזיגער אונטערשיד ווי אויך דער אונטערשיד צווישן א שטרייק און א לאָקויט איז זעהר רעלאטיוו, און ווערט פון אייניגע אָפיציעלע שטרייק־סטאטיסטיקער (אשטייגער, אין ענגלאנד און אין בעלגיען) גאר ניט אנערקענט.

ווען די אונטערנעמער וואַרפן אָפּ די פאָדערונגען און יעדער שטרייק באַזונדער גייט דורך דאס רוב אונטער איין באַשטימטער, שטרענג דורכגעטראַכטער פאָדערונג. דערפאַר קומט אין מערב אייראפע געוויינטלעך פאָר אַזוי, אַז דער שטרייק, וועלכער טראָגט לויט זיין סבה אַ פאַרטיידיגונגסכאַראַקטער, קעמפט אויך פאַר פאַרטיידיגונגספאָדערונגען; דאָסזעלבע איז ריכטיג אויך בנוגע די אָנגריף־שטרייקן. אין רוסלאַנד אָבער ברעכן אויס די שטרייקן ניט זעלטן גאַנץ סטיכיש, און ערשט נאָך דעם ווי דער שטרייק ווערט „ערקלערט", פאַרזאַמלען זיך די אַרבעטער אויף אַ „אומלעגאַלער" מאסאַווקע און ארבייטן אויס זייערע פאָדערונגען. דערפאַר מוז מען בנוגע רוסלאַנד מאַכן אַ בולטן אונטערשיד צווישן דער סבה פונם שטרייק און זיינע פאָדערונגען (וועלכן די אָפּיציעלע סטאַטיסטיק מאַכט, לײדער, אַבסאָלוט ניט); צווייטענס, פיגורירט אין אסך שטרייקן אַ מער אָדער ווינציגער לאַנגע שורה פון פאָדערונגען, אין וועלכער ס'זענען צונויפגעמישט פארטיידיגונגס־מאָטיוון מיט אַנגרייף־מאָטיוון אפטמאָל עקאָנאָמישע מיט פּאָליטישע: די גאנצע אנגעקליבענע רייבונגען און ניט אויסגעגליכענע קאנפליקטן צווישן די אַרבעטער און אונטערנעמער קומט אין זיי צום אויסדרוק, אין תחום, דער עיקר אין דער מלאכה, זענען די דאָזיגע רייבונגען צווישן אַרבעט און קאַפּיטאַל פאָרגעקומען אין אַ פיל ענגערער ספערע, ווי אויף דער רוסלענדישער פאַבריק; חוץ דעם, אַזוי ווי די צאָל שטרייקענדע אַרבעטער איז געוויינטלעך געווען קליין און די פאַרזאַמלונגען זענען דערפאַר שוין ממילא געווען קליינע, איז פאַר די אידישע אַרבעטער געווען גרינגער איינצוארדנען אזעלכע פאַרזאַמלונגען, דערצו האָט נאָך געהאָלפן דער אומשטאַנד, וואס

דאָ האָט דער שטרייק באַגעגענט, מער ווי אין צענטראַלן רוס־לאַנד, באַציהונג פון סימפּאַטיע מצד דער באַפעלקערונג (ס'איז געוועזן גרינגער צו קריגן אַ קוואַרטיר פאַר דער פאַרזאַמלונג א. א. וו.). מיט איין וואָרט, אין תחום האָט אַלץ צוגעגעבן דער באַוועגונג אַ מער פלאַנמעסיגן, אַ מער „אייראָפּייאישן” כאַראַקטער, וואָס האָט זי אונטערשיידעט פון דער רוסישער אַרבעטער־באַוועגונג: אַזוי האָבן אַשטייגער די אידישע אַרבעטער אָפט אַרויסגעשטעלט פאָרמולירטע פאָדערונגען נאָך פאַר דער ערקלערונג פונם שטרייק[50]. פונדעסטוועגן טרעפן זיך אָפט אויך אין די בעלי־מלאכה'שע שטרייקן פונם תחום צו 2 און צו 3 (זעלטן אויך מער) פאָדערונגען אויף איין שטרייק; און בנוגע די אידישע שטרייקן מוז מען אויך אונטער־שיידן די סבה פון די פאָדערונגען. די זעהר קאָמפּליצירטע סטאַטיס־טיק פון די אידישע אַרבעטער־פאָדערונגען וועלן מיר אָפּלייגן אויף אַן'אַנדערש מאָל און וועלן זיך דערווייל באַגרענצן נאָר מיט דער סטאַטיסטיק פון די שטרייקן לויט זייערע סבות.

פון 1226 שטרייקן (באַשטימטע) פאַר די צווייטע 5 יאָר איז די סבה באַוואוסט נאָר וועגן 1061 שטר.; פון 870 שטרייקן מיט 81·973 אָנטיילנעמער איז די סבה באַקאַנט נאָר וועגן 802 שטר. מיט 75·791 אנטיילנעמער. פון דאַנען מוז מען אָבער באַזייטיגן 4 שטרייקן מיט 15·100 אָנטיילנעמער, וועגן

[50] ניט זעלטן האָט זיך געטראָפן, אַז די בעלי־בתים, אויסהערענדיג די פאָדערונגען האָבן זיי באַלד טאַקע באַפרידיגט, אָדער די ארבעטער, זיך אָנשטויסנדיק אויף א שטאַרקן ווידערשטאַנד פון די בעלי־בתים, האָבן אליין אראָפּגענומען אלע אָדער א טייל פאָדערונגען, ניט דורכפירנדיג דעם שטרייק; אַזעלכע קאָנפליקטן הייסן אין תחום „פרידליכע שטרייקן” (ביי די דייטשן: „Friedliche Lohnbewegungen ohne Arbeitseinstellung“; זייער סטאַטיסטיק האָב איך געפירט באַזונדער און איך וועל עס ברענגען אַן'אַנדער'ש מאָל.

וועלכע ס׳איז שוין גערעט געוואָרן נאָך אין II קאַפּ׳ — ווייל זיי זענען ניט אַרויסגערופן געוואָרן דורך דירעקטע קאָנפליקטן מיט די בעלי־בתים, און זייער סבה איז אַ ריין פּאָליטישע. די איבריגע שטרייקן, וועגן וועלכע ס׳איז באַוואוסט דער רעזולטאַט, וועלן מיר צוטיילן אויף אָנגריף־, פאַרטיידיגונג־ און האַלבפאַרטיידיגונג־שטרייקן. האַלבפאַרטיידיגונג־ (אָדער האַלבאָנגריף־שטרייקן) רופן מיר אַזעלכע שטרייקן, דורך וועלכע די אַרבעטער ווילן צוריק אומקערן די בעסערע אַרבעט־באַדינגונגען, וועלכע זיי האָבן פריער געהאַט (מיט אַ סעזאָן פריער, מיט אַ יאָר, אפילו צוויי, אָבער ניט מער) און וועלכע זיינען דערנאָך אפּגענומען געוואָרן מצד די בעלי־בתים.

נעמט מען צונויף ווירטשאַפט־צווייגן, קומט אויס, אַז די אָנגריף־שטרייקן באַטרעפן צוויי דריטל פון אַלע שטרייקן און פון אַלע אָנטיילנעמער, די פאַרטיידיגונג־שטרייקן — וועניגער, ווי אַ דריטל פון אַלע שטרייקן און עטוואָס מער, ווי אַ פערטעל פון די אָנטייל־נעמער. האַלב־פאַרטיידיגונג־שטרייקן האָבן מיר וועניג. די אָנגריף־שטרייקן דריקן אויס דעם דרוק פון די אַרבעטער אויף די אונ־טערנעמער, די פאַרטיידיגונגסשטרייקן דריקן אויס, פאַרקערט, דעם דרוק פון די אונטערנעמער אויף די אַרבעטער. דער אָנגריף פון דער אַרבעט אויפן קאַפּיטאַל איז אויף דער „אידישער גאַס“ געווען בכן צוויי מאָל שטאַרקער איידער דער אָנגריף פונם קאַפּיטאַל אויף דער אַרבעט[51].

---

[51]) פאַרשטייט זיך, אַז אבסאָלוט איז דער אָנגריף פונם קאַפּיטאַל אויף דער אַרבעט סיי אין אַלגעמיין, סיי באַזונדער ביי די אידן, אומגעהייער שטאַרקער ווי דער פאַרקערטער אָנגריף: נאָר מיר האָבן אויך דאָ גערעט רעלאַטיוו — בנוגע דעם עקאָנאָמישן קאַמף (זי׳ העכער, באַמערקונג 43).

## טאַבעלע XVI די טיילונג פון די אידישע שטרייקן (פאַר די צווייטע 5 יאָר) און זייערע אָנטיילנעמער לויט די סבות און לויט די ווירטשאַפט־צווייגן.

| ווירטשאַפטצווייגן | די שטרייקן אין אַבסאָלוטע צאָלן: אַנגריף | פאַרטיידיגונג | האַלב־פאַרטיידיגונג | די שטרייקן אין % %: אַנגריף | פאַרטיידיגונג | האַלב־פאַרטיידיגונג | די אָנטיילנעמער אין אַבסאָלוטע צאָלן: אַנגריף | פאַרטיידיגונג | האַלב־פאַרטיידיגונג | די אָנטייל־נעמער אין % %: אַנגריף | פאַרטיידיגונג | האַלבפאַר־טיידיגונג |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| בעלי־מלאכה׳שע | 303 | 98 | 8 | 74,1 | 24,0 | 1,9 | 17 414 | 3 763 | 317 | 81,0 | 17,5 | 1,5 |
| האַנדל און טראַנספּ. | 36 | 18 | 1 | 65,5 | 32,7 | 1,8 | 1 396 | 502 | 3 | 73,4 | 26,4 | 0,2 |
| פאַבריק־שטרייקן | 179 | 132 | 18 | 54,4 | 40,1 | 5,5 | 21 772 | 12 842 | 2 627 | 58,5 | 34,5 | 7,0 |
| אויסגעשפּראָכענע פאַבריקשטרייקן אין: | | | | | | | | | | | | |
| אונטער־נעמונגען: קליינע | 32 | 30 | 3 | 49,2 | 46,2 | 4,6 | 978 | 984 | 65 | 48,3 | 48,5 | 3,2 |
| אונטער־נעמונגען: מיטלע | 25 | 25 | 1 | 49,0 | 49,0 | 2,0 | 2 582 | 2 537 | 60 | 49,8 | 49,0 | 1,2 |
| אונטער־נעמונגען: גרויסע | 6 | 10 | 1 | 35,3 | 58,8 | 5,9 | 1 915 | 5 019 | 500 | 25,8 | 67,5 | 6,7 |
| אונטער־נעמונגען: אַלע | 63 | 65 | 5 | 47,4 | 48,9 | 3,7 | 5 475 | 8 540 | 625 | 37,4 | 58,3 | 4,3 |
| אַלע ווירטשאַפט־צווייגן [52] | 518 | 248 | 27 | 65,4 | 31,2 | 3,4 | 40 617 | 17 127 | 2 947 | 66,9 | 28,2 | 4,9 |

באמערקען מיר, ווי אַזוי עס בייטן זיך די % % אין דער לעצטער טאַבעלע, זעהען מיר, אַז מיט׳ן איבערגאַנג פון דער מלאכה דורך דעם האַנדל און טראַנספּאָרט צו דער פאַבריק־אינ־דוסטריע און ווייטער צו די אויסגעשפּראָכענע פאַבריק־

[52]) די אויסגעשפּראָכענע פאַבריק־אונטערנעמונגען זענען איינגערעכנט צווישן די פאַבריק־אונטערנעמונגען בכלל און דאַרפן דערפאַר ניט אַריין אין אַלגעמיינעם ס״ה פון אַלע ווירטשאַפט־צווייגן.

אונטערנעמונגען, קליינע, מיטלע און גרויסע פאַלט כסדר (מיט קליינע אויסנאַמען) דער כח פון די אַרבעטער און עס שטאַרקט זיך כסדר דער כח פונם קאַפּיטאַל. אין דער אידישער מלאכה גרייפן אָן 4/5 פון אַלע שטרייקנדע אין דריי פערטעל פון אַלע שטרייקן און נאָר 1/6 פון די שטרייקנדע איז געצוואונגען זיך צו פאַרטיידיגן — אינגאַנצן אין אַ פערטל קאָנפליקטן. אויף די פאַבריקן אָבער קומט פאָר אַן'אָנגרייף פון די אַרבעטער נאָר אין עטוואָס מער, ווי די העלפט פון אַלע קאָנפליקטן. דאָס בילד ווערט שוין גאָר פארענדערט אויף די אויסגעשפּראָכענע פאַבריק־אונטערנעמונגען: דאָ איז שוין דער דרוק פונם קאַפּיטאַל שטאַרקער, ווי דער אָנגרייף פון דער אַרבעט, און אויף די גרויסע אונטערנעמונגען איז דער אָנגרייף פונם קאַפּיטאַל אויף דער אַרבעט כמעט דריי מאָל גרעסער, ווי דער אָנגרייף פון די אַרבעטער אויפ'ן קאַפּיטאַל. הקיצור, פון אַט דער זייט גענומען, טרעט ווידער אַרויס די מלאכה, אַלס דער גינסטיגסטער באָדן פאַר דעם עקאָנאָמישן אַרבעטער־קאַמף. מיטן וואוקס פון די אונטערנעמונגען, מיט דער קאָנצענטראַציע פון דער פּראָדוקציע וואַקסט די עקאָנאָמישע מאַכט פון די קאַפּיטאַליסטן און אין דער זעלביגער מאָס פאַלט די פעהיקייט פון די (אידישע) אַרבעטער צו ווידערשטאַנד און אָנגרייף. דעם אויספיר האָט דער לעזער געקאָנט מאַכן שוין פון די פאַקטן, וואָס זענען געבראַכט געוואָרן אין אָנהויב, אינ'ם „אַנשטאָט אַ הקדמה"; דאָס זעלבע איז אויך געווען דער פועל יוצא פון דער ערפאָלג־סטאַטיסטיק פונם עקאָנאָמישן קאַמף (טאַבעלע XV). אָט איז די טיילונג פון די אידישע שטרייקן פאַר די צווייטע 5 יאָר לויט די יאָרן און סבות.

## טאַבעלע XVII.

### די טיילונג פון די אידישע שטרייקן לויט די יאָרן און סבות.

| דאָס יאָר | די שטרייקן אין אַבסאָלוטע צאָלן | | | די שטרייקן אין פּראָצענטן | | |
|---|---|---|---|---|---|---|
| | אָנגרייף | פּאַרטיי־דיגונג | האַלב־פּאַר־טיידיגונג | אָנגריף | פּאַרטיידיגונג | האַלב־פּאַרטיידיגונג. |
| 1900 | 139 | 64 | 7 | 66,2 | 30,5 | 3,3 |
| 1901 | 218 | 114 | 7 | 64,3 | 33,6 | 2,1 |
| 1902 | 174 | 56 | 11 | 72,2 | 23,2 | 4,6 |
| 1903 | 113 | 64 | 5 | 62,1 | 35,2 | 2,7 |
| 1904 | 40 | 37 | 4 | 49,4 | 45,7 | 4,9 |

דער אָנגרייף־מאַקסימום (72·2%) פאַלט אויפן רוהיגסטן 1902־טן יאָר — אַ יאָר פון אינדוסטריעלער אויפלעבונג; דער פּאַרטיידיגונגס־מאַקסימום (45·7%) און אָנגרייף־מינימום פאַלט אויפן פינסטערן 1904־טן יאָר, דאָס יאָר פון מלחמה און קריזיס, מאָביליזאַציעס און אומגעהייערער עמיגראַציע: אין דעם יאָר איז די אידישע אַרבעטער אויסגעקומען מער זיך פּאַרטיידיגן, ווי אָנצוגרייפן. די באַאָבאַכטונגען פון די סטאַטיסטיקער פון כמעט אַלע לענדער ברענגען צום אויספיר (אמת, ניט אָן אויסנאַמען), אַז ביי דער אַלגעמיינער שטייגונג פון דער מאַרק־קאָניונקטור קומען פאָר ס'רוב אָנגרייף־שטרייקן און ביי א ירידה, אין יאָרן פון אינדוסטריעלן שטילשטאַנד אָדער קריזיס מערען זיך די פּאַרטיידיגונגסשטרייקן[53]. די לעצטע טאַבעלע XVII באַשטעטיגט די דאָזיגע אַלגעמיינע באַאָבאַכטונג אויך בנוגע דעם תחום. ווערט די קשיה נאָך האַרבער בנוגע דער טאַב. XVI, וועלכע

---

[53] וועגן דעם זעה אַ שטייגער עדוארד בערנשטיין: „Der Streik" טאָטאָמיאַנץ „פּאָרמי ראַבאָטשעוואָ דוויזשעניאַ" און אַנד.

ווידערשפּרעכט דעם דאזיגן כלל, אויב מע זאָל נעמען אין אַכט, אַז אין אַלגעמיין האָט די אידישע עקאָנאָמיק איבערגעלעבט אַ כראָנישן קריזיס פאַר די לעצטע 25 יאָר. אין אמתן אבער, ניט קוקענדיג אויפן אַלגעמיינעם געדריקטן צושטאַנד פון דער אידישער אינדוסטריע, אויף דער כסדר׳דיגער דעגענערירונג פון דער אידישער מלאכה, אויף דער שרעקליכער לאַנגזאַמקייט, מיט וועלכער ס׳האָבן זיך אַנטוויקעלט די פּראָדוקטיווע קרעפטן — האָבן דאָך די אידישע אַרבעטער, אין אַלגעמיין און גאַנצן, אַרויסגעוויזן אַ אומגעהייערע קראַפט פון אָנגרייף אויפן קאַפּיטאַל. כדי ניט צו איבערלעסטיגן דאָס דאָזיגע קאַפּיטעל מיט נאָך ציפערן, וועל איך נאָר באַמערקן, אַז אין דייטשלאַנד מאַכן אויס די אָנגרייף־שטרייקן פון די אַרבעטער (לויט דער סטאַטיסטיק פון דער גענעראל קאָמיסיע) נאָר די העלפט פון אַלע קאָנפליקטן, און אין גאַנץ רוסלאַנד ווייניגער פון $3/5$ [54]. און ווידער איז אינטערעסאַנט, אַז אויך דאָ איז די אידישע פאַבריק פיל נעענטער צו דער געוועינליכער נאָרם באַ אַנדערע פעלקער איידער די אידישע מלאכה און האַנדל. פון וואַנען זשע נעמט זיך אין דער אידישער מלאכה דער דאָזיגער ביישפּיללאָזער אַרבעטער־כח, דאָס מערקווירדיגע קאַמף־גליק פונם פּראָלעטאַריאַט?

אין אַפּריל 1901, אויפן IV צוזאַמענפאָר פונם בונד איז אָנגענומען

[54] מען מוז באַמערקן, אַז די רוסלענדישע אָפיציעלע סטאַטיסטיק איז אין דעם פונקט אַמוועניגסטן באַפרידיגנד און פאַרגרעסערט בלי ספק שטאַרק דעם % פון די אָנגרייף־שטרייקן: אויסקלייבנדיג ווילקירליך („סוביעקטיוו״ ווי ס׳איז זיך מודה ה׳ וואַרזאַר אַליין) פון די פילע פאָדערונגען פון יעדן שטרייק איינע, אַלס „די וויכטיגסטע״, האָבן זיך די פאַבריק־אינספעקטאָרן געסטאַרעט פאַרצושטעלן די אַרבעטער, ווי דעם אָנגרייפנדיגן צד, און די פאַבריקאַנטן מיט דער אַדמיניסטראַציע — ווי דעם צד, וועלכער געפינט זיך אין צושטאַנד פון א „געצוואונגענער פאַרטיידיגונג״.

געוואָרן אַ רעזאָלוציע, צו רעקאָמענדירן אָפּצוהאַלטן זיך פון אַנגריף־שטרייקן דאָרט, וואו ס'זענען שוין דערגרייכט געוואָרן וויכטיגע פאַרבעסערונגען פאַר די אַרבעטער. דאָס הייסט, אַז די אייגנאַרטיגע ערפאָלגן פון די אידישע אַרבעטער האָבן געצוואונגען אפילו די בונדיסטן, וואָס זענען אַזוי זאָרגלאָז בנוגע דער אידישער עקאָנאָמיק, זיך אָפּצושטעלן און אַ טראַכט צוטאָן... פונדעסטוועגן, האָבן די בונדיסטן פון דעמאָלסט אָן געמוזט ווערן נאָך זאָרגלאָזער, און די „בר דעת־רעזאָלוציע" איז געבליבן, ווי מ'האָט געדאַרפט ערוואַרטן, ניט מער ווי אַ פרומער וואונש. דערנאָך (אין 1903 יאָר) זענען די בונדיסטן געקומען צום אויספיר, וועלכער איז אין אַלע הינזיכטן זעהר אַ אנגענעמער, אַז די אָנגרייף־שטרייקן קומען פאָר ס'רוב אין יענע ערטער וואו די אידישע אַרבעטער־באַוועגונג איז נאָך זעהר יונג, אין די פונקטן אָבער (און איך וועל צוגעבן — אין די פראָפּעסיעס) וואו די באַוועגונג איז אלט, קומט פאָר דאס רוב אַ פאַרטיידיגונגסקאַמף. דאָס איז אין אַ גרויסער מאָס ריכטיג און באַפרידיגנד: דאָס באַווייזט, אַז אין די פונקטן מיט אַ אַלטער באַוועגונג האָבן די אידישע ארבעטער „דערגרייכט אלץ, וואס איז מעגליך אויף דער וועלט", אַז ס'איז שוין ניטא מער וואוהין ווייטער צו גיין און, ווען ניט דער אומרוה פון די בעלי־בתים, וואָלטן זיי זיך געקאנט רוהיג שלאָפן אויף די לארבערען פון דעם ערוואָרבענעם פראָגרעס...

דאָ וואַרפט זיך אָבער ווידער אין די אויגן אַ מאדנער פאַקט. ביי אַנדערע פעלקער פון מערב־אייראָפּע און רוסלאַנד (חוץ די גרוזינער) טראָגן די ערשטע שטרייקן פון די נאָך אומבאַוואוסטזיניגע אַרבעטער דוקא אַ פאַרטיידי־

גונגסכאַראַקטער: זיי ברעכן אויס מערסטנטייל אַלס ענטפער אויפן פארזוך פון די בעלי־בתים נידריגער אָפּצושאַצן די שטיק־אַרבעט א. א. וו. פון דעם מין זענען געווען אויך די ערשטע שטרייקן אין דער גרויסער און מיטלער פאַבריק־אינדוסטריע פונם תחום. שפּעטער ערשט גייען די אַרבעטער איבער פון פאַרטיידיגונג צום אָנגרייף אין די בעסערע־יאָרן און צו האַלב־פאַרטיידיגונג אין די נאָך־קריזיס־יאָרן. פאַרוואָס זשע קומט פאָר אין דער אידישער מלאכה פונקט דער היפך? פארוואס הויבט זיך דאָ אָן לכתחילה מיט'ן אָנגרייף־שטרייק? און פאַרוואָס גייען די אידישע ארבעטער איבער דערנאָך פון אָנגרייף צו פאַרטיידיגונג? און אפשר שטויסט זיך אָן דער אידישער אַרבעטער־בעל־מלאכה אויף דעם וועג פון זיינע נצחונות אויף אַ עקאָנאָמישער גרעניץ, וועלכע ס'איז אין דער מלאכה ניט שווער צו דערגרייכן, אבער וועלכע ס'איז אין דערזעלבער מלאכה אוממעגליך־אריבערצוטרעטען?

לאמיר זשע ווייטער פאָרשן.

.VI

# די אַרבעטער־סאָלידאַריטעט אינ'ם עקאָנאָמישן קאַמף.

די סאָלידאַריטעט קען פון איין זייט געמאָסטן ווערן דורך דער צאָל פון די שטרייקנדע אונטערנעמונגען, און פון דער צווייטער זייט דורך דעם, ווי זעלטן אָדער ווי אָפט עס קומט אויס די אַרבעטער זיך אָנצושטויסן אויף שטרייקברעכעריי. די דעטאַליזירטע סטאַטיסטיק פונם צווייטן מאָמענט וועל איך איבערלאָזן אויף אַנ'אַנדער מאָל; איך וועל נאָר באַמערקן, אַז פון 1.704 (באַשטימטע) שטרייקן פון אידישע אַרבעטער פאַר אַלע צען יאָר האָב איך געפונען נאָר 65 שטרייקן, אין וועלכע ס'האָבן געשפּילט אַ געוויסע ראָלע שטרייק־ברעכערס — אידן (אינגאַנצן 3·8% פון אַלע שטרייקן). וואָס אָנבאַלאַנגט דער צאָל שטרייקנדע אונטערנעמונגען, האָב איך נאָך אין צווייטן קאַפּיטל געטיילט די שטרייקן אויף קאָלעקטיווע, דאָפּעלטע און איינצעלנע; דאָ וועל איך נאָך מוסיף זיין די טיילונג פון די קאָלעקטיווע שטרייקן אויף בשותפות'דיגע און אָ ר ד נ ו נ ג ל אָ ז ע. אויב עס שטרייקן עטליכע אָדער א סך אונטערנעמונגען ג ל ײ כ צ ײ ט י ג

און דערביי איז זייער פראָפעסיאָנעלער באַשטאַנד דער זעלביגער און די שטרייקענדע שטרעבן צום גלייכען ציל, אַרויסשטעלנדיג גלייכע פאָדערונגען — וועט אַזאַ שטרייק זיין אַ בשותפות׳דיג־קאָלעקטיווער. אויב אבער דער פראָפעסיאָנעלער באַשטאַנד איז דער גלייכער און די פאָדערונגען זענען דיזעלביגע, אבער דער שטרייק איז ניט קיין גלייכצייטיגער, און נאָכדעם, ווי ער האָט זיך געענדיגט אין איין אָדער אין עטליכע אונטערנעמונגען, גייט ער איבער אין אַנדערע אונטערנעמונגען, פון דאָרט ווידער אין נייע און אַזוי ווייטער, אָן אַ באַשטימטן פלאַן, — וועט דער שטרייק זיין אַ אָרדנונגלאָז־קאָלעקטיווער[55]. זעהר פיל פון די אומבאַשטימטע אָנווייזונגען, וועגן וועלכע כ׳האָב גערעט אין I און II קאַפיטל („אַ ריי שטרייקן", „אַ גאַנצע ריי שטרייקן" א. א. וו.) געהערן אָט צו אַזעלכע אָרדנונגלאָז־קאָלעקטיווע שטרייקן; אומבאַשטימטע אָנווייזונגען פון דעם מין האָב איך אָנגערעכנט אין דער ליטעראַטור 53 און האָב זיי פאַרוואַנדעלט אין 53 אָרדנונגלאָז־קאָלעקטיווע שטרייקן. — ביי איבריגע גלייכע באַדינגונגען, דריקט זיך אויס אין די בשותפות׳דיג־קאָלעקטיווע שטרייקן אַ גרעסערע סאָלידאַריטעט, ווי אין די אָרדנונגלאָז־קאָלעקטיווע, און אין די קאָלעקטיווע שטרייקן בכלל — אַ גרעסערע, ווי אין די דאָפעלטע און איינצעלנע. מיר וועלן פאַרגלייכן פון דעם שטאַנדפונקט די אידישע ווירטשאַפט־צווייגן פונם תחום.

---

[55]) אויב דאָזעלבע ווערט געמאַכט דורך די אַרבעטער לויט אַ באַשטימטן פלאַן, רופט מען דעם שטרייק — בהדרגה׳דיגער. פאַר 10 יאָר (1895—1904) האָב איך פאַררעגיסטרירט סך־הכל נאָר איין איינציגן בהדרגה׳דיגן שטרייק פון אידישע אַרבעטער. האָב איך אים געמוזט אריינרעכענען אין דער צאל פון אָרדנונגלאָז־קאָלעקטיווע שטרייקן.

## טאַבעלע XVIIIa. די טיילונג פון די אידישע שטרייקן פאר די צווייטע 5 יאָר לויט דער סאָלידאַריטעט.

| ווירטשאַפטצווייג | די קאָלעקטיוויטעט אין באַוואוסטע ווערגן שטרייקן | בשותפות'דיגע קאָלעקטיווע | % | אָרדנונג־לאָז־קאָלעקטיוו | % | דאָפּעלטע | % | איינצעלנע | % |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| פאַבריק־שטרייקן | 434 | 71 | 16,4 | 15 | 3,5 | 8 | 1,8 | 340 | 78,3 |
| האַנדל און טראַנספּ. | 87 | 24 | 27,6 | 4 | 4,6 | 5 | 5,7 | 54 | 62,1 |
| בעלי־מלאכה'שע | 477 | 238 | 50,0 | 19 | 3,9 | 12 | 2,5 | 208 | 43,6 |
| פון אַלע ווירטשאַפטצווייגן | 1005 | 337 | 33,5 | 39 | 3,9 | 25 | 2,5 | 604 | 60,1 |

## טאַבעלע XVIIIb. (דאס זעלבע בנוגע דער צאָל אָנטיילנעמער).

| ווירטשאפטצווייג | בשותפותדיגע קאָלעקטיווע: שטרייקן | אָנטיילנעמער | % | אָרדנונגלאָזע קאָלעקטיווע: שטרייקן | אָנטיילנעמער | % | דאָפּעלטע: שטרייקן | אָנטיילנעמער | % | איינצעלנע: שטרייקן | אָנטיילנעמער | % |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| פאבריק־שטרייקן | 61 | 15320 | 38,3 | 6 | 5600 | 14,0 | 5 | 301 | 0,7 | 260 | 18807 | 47,0 |
| האנדל און טראנספּ. | 14 | 3210 | 87,6 | 2 | 100 | 2,7 | 4 | 66 | 1,8 | 31 | 287 | 7,9 |
| בעלי־מלאכה'שע | 181 | 31438 | 89.6 | 9 | 2185 | 6,2 | 3 | 56 | 0,2 | 1[illegible]1 | 1391 | 4.0 |
| פון אלע ווירטשאפט־צווייגן | 256 | 49968 | 63,4 | 18 | 7915 | 10,0 | 12 | 423 | 0,6 | 453 | 20505 | 26.0 |

אין אַלגעמיין, געהערט אַ דריטל פון די אידישע שטרייקן צו די בשותפות'דיג־קאָלעקטיווע, אין וועלכע, ווי געזאָגט, עס דריקט זיך אויס די גרעסטע סאָלידאַריטעט אינ'ם עקאָנאָמישן קאַמף פונם פּראָלעטאַריאַט; און די דאָזיגע מאַקסימאַלע סאָלידאַריטעט האָבן באַוויזן אין אַלגעמיין צוויי דריטל פון די שטרייקנדע אַרבעטער. באַר איין פערטל פון די אידישע אַרבעטער האָבן אָנטייל גענומען

אין יענע שטרייקן (איינצעלנע), וואו די סאָלידאַריטעט דריקט זיך אויס אַמוועניגסטן, אגב די איינצעלנע שטרייקן מאַכן אויס גאַנצע 3/5 פון דער אַלגעמיינער צאָל שטרייקן. מערקווירדיג איז, אַז די מאַקסימאַלע סאָלידאַריטעט פון די אידישע אַרבעטער איז באַוויזן געוואָרן אין דער מלאכה: ניין צענטל פון אַלע שטרייקנדע בעלי־מלאכות האָבן אָנטייל גענומען אין די בשותפות׳דיג־קאָלעקטיווע שטרייקן און נאָר 4% אין די איינצעלנע; פאַרקערט, אויך דער פאַבריק איז די סאָלידאַריטעט פון די אידישע אַרבעטער די קלענסטע: כמעט די העלפט פון זיי נעמען אָנטייל אין די איינצעלנע שטרייקן, — די סבה דערפון דאַרף מען זוכן, דער עיקר, אין דער געאָגראַפישער צוטיילונג פון די אידישע אונטערנעמונגען:

אינ׳ם תחום איז פאַראַן ווייניג צענטרן פון פאַבריק־אינדוסטריע און ס׳איז גאָר ניטא קיין צענטרן פון גרויסער פאַבריק־פראָדוקציע. די אידישע פאַבריקן זענען צוזייט און צושפרייט צו 1, צו 2, צו 3 אין באַזונדערע שטעט און שטעטלעך; פון אַזאַ קליינער צאָל אונטערנעמונגען קען זיך ניט צונויפשטעלן קיין קאָלעקטיווער שטרייק. אַלע קאָלעקטיווע פאַבריק־שטרייקן געהערן צו דער קליינער אינדוסטריע, וועלכע קאָנצענטרירט זיך, אַזוי ווי די מלאכה, אַדאַנק דער „אורבאַניזירונג פונם געברויך", אין אָן אַ צאָל שטעט־שטעטלעך און שטעטעלעך פונם תחום. נאָר די געאָגראַפישע צוטיילונג איז אָבער אַליין אויך ניט צופעליג, זי איז אַ פועל יוצא פון דער גרונד־אייגנשאַפט פון דער אידישער אינדוסטריע: זי איז אינגאַנצן אָדער כמעט אינגאַנצן קאָנצענטרירט אין דער געברויך־פראָדוקציע, און די אידישע אַרבעט פעלט כמעט

אַבסאָלוט אין דער פּראָדוקציע פון די פּראָדוקציע־מיטלען (און פּראָדוקציע־מאַטעריאַלן), אָט דאָס (און לגמרי ניט די באַרימטע און זינלאָזע „ניטפּראָלעטאַריזאַציע"), שטעלט מיט זיך פאָר דעם וויכטיגסטן און דעם עיקר־שטריך פון דער אידישער עקאָנאָמיק: די אידישע מאַסן פּראָלעטאַריזירן זיך, די אידישע אינדוסטריע קאָנצענטרירט זיך, אבער זעהר לאַנגזאַם — ווייל די געברויך־פּראָדוקציע ענטוויקלט זיך אין אַלגעמיין פיל לאַנגזאַמער, איידער די פּראָדוקציע פון פּראָדוקציאָנס־מיטלען. די לעצטע אונטערשיידעט זיך פון דער ערשטער נאָך דערמיט, וואָס בנוגע איר געאָגראַפישער קאָנצענטראַציע איז זי אבהענגיג פון דער נאַטור. דער אידישער פּראָלעטאַריאַט אָבער, אפגעריסען פון יעדער באַרירונג מיט דער נאַטור, איז קאָנצענטרירט אין די שטעט, אין די שטאָטישע ווערק־שטאטען. די צאָל־רייכקייט פון ווערקשטאטען פון די זעלביגע איינאַרטיגע פּראָפעסיעס מאַכט מעגליך קאָלעקטיווע שטרייקן. און דערפאַר דאַרף מען זוכן די סבה פון דער אידישער אַרבעטער־סאָלידאַריטעט אויך אין דער עקאָנאָמישער פיזיאָלאָגיע פון דער מלאכה.

זענען די אידישע אַרבעטער געווען זעהר סאָלידאַריש אין זייערע אַרויסטרעטונגען, קען מען עס אָבער לחלוטין ניט זאָגן וועגן אידישן קאַפּיטאַל. אויף וויפיל די אַרבעטער האָבן געשלאָסן געדריקט אויף די אונטערנעמער, אויף אַזוי פיל זענען די בעלי־בתים געווען צושפּליטערט אין זייער קאמף געגען די אַרבעטער. די פאָלגענדע טאַבעלע אילוסטרירט די דעזאָרגאַניזאַציע פון'ם אידישן קאַפּיטאַל.

## טאַבעלע XIX. די קאָלעקטיוויטעט און די סבות פון די אידישע שטרייקן (פאַר די צווייטע 5 יאָר)

| די שטרייקן לויט זייערע סבות | די קאָלעקטיוויטעט אין אַבסאָלוטע צאָלן: קאָלעקטיווע | דאָפּעלטע | איינצעלנע | די קאָלעקטיוויטעט אין % %: קאָלעקטיווע | פון אלע קאָלעקטיוו־שטופן | איינצעלנע |
|---|---|---|---|---|---|---|
| אָנגרייף־שטרייקן | 278 | 19 | 264 | 83·0 | 65·4 | 47·9 |
| האלב־פּארטייד.־שטר. | 6 | 1 | 24 | 1·8 | 3·2 | 4·4 |
| פּארטייד.־שטרייקן | 51 | 1 | 263 | 15·2 | 31·4 | 47·7 |

די אָנגרייף־שטרייקן וואס מאַכען אויס אין תחום 65·4% (כמעט 2/3), שטייגן די קאָלעקטיווע שטרייקן אַריבער פיר פינפטעל (83%), די פאַרטיידיגונגסשטרייקן מאַכן אויס אינגאַנצן איין זעקסטל ביי די קאָלעקטיווע. דאָס באַטייט: דאָרט, וואו דער אַנטאַגאָניזם צווישן אַרבעט און קאַפּיטאַל איז אַרויס אויסער די גרעניצן פון איין אָדער צוויי אונטערנעמונגן, דאָרט, וואו ס'האָבן זיך פיינדליך צוזאַמענגעשטויסן גאַנצע גרופן קאַפּיטאַליסטן מיט גאַנצע מאַסן אַרבעטער, וואו דער קאָנפליקט האָט אָנגענומען אַ ברייטערן קלאַסן כאַראַקטער, — דאָרט האָט די איניציאַטיוו כמעט שטענדיג געהערט צו די אַרבעטער (און די קאָלעקטיווע אָנגרייף־שטרייקן) און גאָר זעלטן צו די אונטערנעמער (און די קאָלעקטיווע פאַרטיידיגונגסשטרייקן). אַנדערש גערעט, די טאַבעלע XIX באַווייזט, אַז ביז דער רעוואָלוציע האָבן די אידישע אַרבעטער געפירט קעגן די בעלי־בתים אַ קאָלעקטיווע אָנגרייף־מלחמה אין

געשלאָסענע רייען, די בעלי־בתים אָבער האָבן זיך באַ־גרעניצט מערסטנטייל מיט אַ פּאַרטיזאַנישער פּאַרטיידי־גונג־מלחמה, און פאַרשטייט זיך: גאָר ניט דערפאַר, וואָס די אידישע בורזשואַזיע האָט באַזונדער ליב געהאַט דעם שלום און האָט געהאט באַשיידענע אַפּעטיטן. ניין, אין דער רויבערישקייט פון זייערע אַפּעטיטן, און אכזריות און ניט איבערקלייבן קיין מיט־לען פון עקספּלואַטאַציע און אונטערדריקונג זענען די אידישע קאַפּיטאַליסטן, די גרויסע, ווי די פּיצינקע, ניט אָפּגעשטאַנען פון זייערע ניט אידישע קאָלעגן[56]; ס'האָט זיי נאָר געפעלט דער קלאַסן־אינסטינקט, וועלכער הייסט פאַרגעסן די צווישן־רייסערייען ווען מ'האָט צו טון מיט אַנ'אַלגעמיינעם שונא. זיי האָבן ניט געהאַט, אַזוי צו זאָגן, קיין היסטאָרישען געפיל פאַר דער אַלגעמיינער סכנה, און אין דער צייט פון קאַמף האָבן זיי ניט קוקענדיג אויף זייער גאַנצער „חכמה" געהאַלטן זיך סטראַטעגיש זעהר שלעכט. די בעלי־ביתשע פאַרבאַנדן האָבן זיך, ניט קוקענדיג אויף אַלע פּרובן, כמעט קיינמאָל ניט געהאלטן. בשעת שטרייקן האָבן די בעלי־בתים זעלטן מיטגעהאָלפן איינער דעם צווייטן, האָבן ניט מקיים געווען זייערע גרויסאַרטיגע שבועות ביי ספרי־תורה „בשום אופן ניט נאָכצוגעבן די בונטאָווטשיקעס" און אַלע אַנדערע אָפּמאַכן[57]. פון דעם שטאַנדפּונקט איז כאַראַקטעריסטיש די

---

[56]) דעם רייכן און באַלערגדן פאַקטישן (טיילווייז דאָקומענטאַלן) מאַטעריאַל, וועלכער האָט אַ שיכות צו דעם ענין, קומט מיר אויס אָפּצולעגן אויף אַנ'אַנדער מאָל.

[57]) מען וואָלט דאָס אַלעס געקאָנט ערקלערן פשוט דורך דער פּאָליטישער און סאָציאַלער אומערצויגענהייט פון דער אידישער בורזשואַזיע; און אַזאַ ערקלערונג וואָלט טיילווייז געווען אויך ריכטיג, אויף וויפיל די גאַנצע רוסלענדישע בורזשואַזיע האָט ביז דער רעוואָלוציע נאָך ניט באַוויזן צו קאָנסטרואירן זיך אין אַ קלאַס, וואָס ווייס זיינע אינ־

לאָקאַאוט־סטאַטיסטיק אין תחום. פאַר גאַנצע צען יאָר 1895—1904 זענען פאַררעגיסטרירט געוואָרן סך־הכל 14 לאָקאַאוטן; וואָס פאַר אַ ווערט האָט עס אין פאַרגלייך מיט די 2276 שטרייקן פון די *אידישע אַרבעטער! פון די 14 לאָקאַאוטן זענען גאַנצע אַכט פאַרבונדן מיט אַרבעטער־שטרייקן, און 4 זענען געווען נאָר אַ ענטפער אויף שטרייקן. אין פיר פאַלן, איז עס געווען פאַרטיידיגונג־לאָקאַאוטן און אין 10 פאַלן האָט דער לאָקאַאוט געהאַט אַן אָנגרייף־כאַראקטער. נאָר 3 לאָקאַאוטן זענען געווען קאָלעקטיווע, און אַלע דריי זענען פאָרגעקומען אַלס ענטפער אויף אַרבעטער־שטרייקן; 11 לאָקאַאוטן זענען געווען פאַרטיזאַנישע און האָבן געהאַט אַ שיכות נאָר צו איין אונטערנעמונג. נאָר 3 לאָקאַאוטן זענען פאָרגעקומען אין בעלי־מלאכה׳שע אונטערנעמונגען, די איבריגע 11 אויף פאַבריקן; 7 לאָקאַאוטן האָבן זיך געענדיגט מיט אַ נצחון פון די אַרבעטער, 2 לאָקאַאוטן האָבן זיך געענדיגט מיט גאָרנישט (ד. ה. די אַרבעטער האָבן געפונען אַרבעט ביי אַנדערע בעלי־בתים!), און נאָר אין 3 פאַלן זענען די בעלי־בתים אַרויס מיט אַ נצחון פונם קאָנפליקט (אין 2 פאַלן איז דער רעזולטאַט אומבאַוואוסט). פאַר 10 יאָר איז אין גאַנץ רוסלאַנד פאָרגעקומען ניט ווייניגער פון 32 לאָקאַאוטן. אויף וויפיל די אידישע אַרבעטער האָבן זיך אויסגעטיילט צווישן פראָלעטאַריאַט פון אַלע פעלקער אין דער וועלט מיט זייער סאָלידאַריטעט און קאַמפלוסטיגקייט, אויף אַזוי פיל האָט זיך די אידישע בורזשואַזיע אויסגעצייכנט

---

טערעסן און קען היטן זיינע פריווילעגיעס. נאָר שוין אין נאָענטסטן קאַפיטעל וועלן מיר זעהן, אַז אין דער הינזיכט האָט אויך די אידישע בורזשואַזיע פאַרנומען גאָר אַ באַזונדער אָרט צווישן די קאַפיטאַליסטן פון די אַנדערע רוסלענדישע פעלקער.

מיט פחדנות, הילפלאָזיגקייט און צושפליטערטקייט. עס האט זיי ערשט געמוזט ענערגיש דורכטרייסלען די רעוואָלוציאָנערע עפּאָכע, כדי זיי זאָלן זיך אויסלערנען, ווי מען אָרגאַניזירט זיך, ווי מען באַנוצט זיך מיט דעם געווער, מיט וועלכן די אַרבעטער האָבן אין משך, פון 15 יאָר נאכאנאנד זיך מיט אַזאַ ערפאָלג באנוצט אקעגן זיי.

---

.VII

## די אָנגעשטרענגטקייט פונם עקאָנאָמישן קאַמף.

די אָנגעשטרענגטקייט פונם עקאָנאָמישן קאַמף ווערט געמאָסטן דורך דעם דויער פון די שטרייקן, אָדער אַנדערש — דורך דער צאָל פאַרלוירענע אַרבעטסטעג. די דורכשניטליכע צאָל פון די פאַרלוירענע אַרבעטסטעג, וועלכע קומט אויס אויף 1 שטרייקנדן אַרבעטער, רופט ה׳ וואַרזאַר אויסגעצייכנעט — דער קאָעפיציענט פון דער שטרייק־עקשנות; דער דאָזיגער נאָמען וועט פיגורירן אין די ווייטערדיגע טאַבעלן.

קודם כל וועלן מיר זיך פרובן באַשטימען דעם אַלגעמיינעם דויער פון די אידישע שטרייקן און דעם גאַנצן סכום פון די פאַרלוירענע אַרבעטסטעג[58].

---

[58]) פאַר די פאָלגענדע טאַבעלן זענען נויטיג אייניגע ערקלערונגען: a) אָפט האָב איך באַגעגנט אין מייגע אורקוואַלן אַ אָנווייזונג, אַז ״דער שטרייק האָט געדויערט עטליכע טעג״; אַזאַ אָנווייזונג האָב איך שטענדיג אָפּגעשאַצט פאַר 4 טעג, און ״אַ האַלבע וואָך״ פאַר 3 טעג, b) ביים באַרעכנען דעם דויער פון די שטרייקן האָב איך אַריינגערעכנט אויך די ימים־טובים, וועלכע זענען אויסגעקומען אין דער צייט פון די שטרייקן; ביים באַרעכנען אָבער פון די פאַרלוירענע אַרבעטסטעג האָב איך געזעהן ווי מעגליך באַזייטיגן די רוה־טעג; c) ביים באַרעכנען דעם סכום פון אַלע פאַרלוירענע אַרבעטסטעג האב איך אַריינגערעכנט אויך די ״ניטווילענדיגע״ אָנטיילנעמער פון די שטרייקן (אַזוינע זענען אין תחום פאַר 10 יאָר געווען ווייניגער, ווי 100 !); d) ניט קיין גאַנצן טאָג האָב איך גערעכנט פאַר אַ האַלבן.

XX טאַבעלע· די באַוועגונג פונם עקשנות־קאָעפיציענט אין עקאָנאָמישן קאַמף פאַר 9 יאָר 1904—1896·

| דאָס יאָר | דער דויער אין טעג: אידישע שטרייקן | דער אלגעמיינער דויער אין טעג | דער דורכשניטלי׳ דויער פון איין שטרייק | פאַרלוירענע אַרבעטסטעג: אַנטיילנעמער (אידן) | פארלוירענע ארבעטסטעג | דער דורכשניט־ליכער פארלוסט פון ארבעטסטעג אויף איין שטרייקנדן (דער יערליכער עקשנות־קאָעפי־ציענט) אין תחום |
|---|---|---|---|---|---|---|
| 1896 | 5 | 127 | 25,4 | 75 | 3.124 | 41,7 |
| 1897 | 10 | 119½ | 11,9 | 2.110 | 14.840 | 7,0 |
| 1898 | 31 | 655 | 21,1 | 3.214 | 153.343 | 47,7 |
| 1899 | 61 | 1059 | 17,4 | 6.894 | 112.554 ½ | 16,3 |
| 1900 | 125 | 1570 | 12,6 | 7.591 | 114.300 | 15,1 |
| 1901 | 213 | 2748 | 12,9 | 9.845 | 114.529 | 11,6 |
| 1902 | 155 | 1523½ | 9,8 | 9.494 | 73.401 ½ | 7,7 |
| 1903 | 107 | 899½ | 8,4 | 26.849 | 214.218 ½ | 8,0 |
| 1904 | 45 | 658½ | 14,6 | 2.185 | 15.579 | 7,1 |

ס׳איז גרינג צו זעהן, אַז פאַר די צווייטע 5 יאָר (אפילו פונם יאָר 1898) איז דער דויער פון די אידישע שטרייקן כמעט אָן אויפהער געפאַלן און זייער עקשנות־קאָעפיציענט איז געוואָרן אַלץ נידריגער. ווייטער וועלן מיר זעהן, אַז דאָס איז ניט געווען קיין צופאַל און אַז, מאַטעמאַטיש גערעט, דער עקשנות־קאָעפיציענט פונם עקאָנאָמישן קאַמף אין תחום איז געווען אַ פונקציע פון דער צייט, ד. ה.

צום באַדויערן איז ניט וועגן אַלע שטרייקן באַוואוסט, וויפיל זיי האָבן געדויערט און ניט שטענדיג איז דערביי באַוואוסט די צאָל אַנטיילנעמער; באַזונדער גרויס זענען די פאַרפעלונגען פאַר די ערשטע 5 יאָר. פאַר די צווייטע 5 יאָר זענען די ידיעות מער דעטאַליזירט און די דורכשניטליכע אויספירן זענען זעהר נאָהענט צום אמת: אַזוי אַשטייגער, דעם עקשנות־קאָעפיציענט וואָלטן געקאָנט ענדערען נאָר זעהר גרויסע אָדער זעהר לאַנג־דויערנדיגע שטרייקן, — ס׳איז אָבער אַ ספק, צי אַזוינע וואָלטן געקאָנט בלייבן אומבאַמערקט פאַר דער ארבעטער פּרעסע און ניט פאַררעגיסטרירט ווערן.

יעדן צייט־פעריאָד האָט נויטווענדיג ענטשפּראָכן אַ געוויסע שטופע פון אָנגעשטרענגטקייט און פּאַר׳עקשנט׳קייט פון די שטרייקן־ווייטער, לויט דעם מיטל וועלכן מיר האָבן דאָ באַנוצט כדי צו באַקומען דעם עקשנות־קאָעפּיציענט, איז ער ניט קיין „פּשוטע מיטעלע״ נאָר אַ „געלייטערטע״[59]; הייסט עס, אַז, נעמענדיג אין אַכט די געגוגנדע פולקייט פון די ידיעות, פון וועלכע דער קאָעפּיציענט איז באַקומען געוואָרן, קענען מיר אים באַנוצן פאַר אונזערע חשבונות. חוץ דעם, איז אין דער פראַגע וועגן דער אַלגעמיינער צאָל פון די אַרבעטס־טעג, וועלכע ס׳האָבן פאַרלוירן אַ ל ע שטרייקנדע, איז די פולקייט דער עיקר, און ערשט אויפן צווייטן פּלאַן קומט די פּינקטליכקייט.

כפל׳ען מיר איצט די יערליכע עקשנות־קאָעפּיציענטן אויף די יערליכע צאָלן פון די שטרייקנדע אַרבעטער (ז. טאַבעלע V), באַקומען מיר פאָלגנדע ב ע ר כ ׳ ד י ג ע צאָלן פאַר די אַרבעטסטעג, וועלכע די אידישע אַרבעטער האָבן פאַרלוירן (פאַר די צווייטע 5 יאָר):

XXI טאַבעלע. די אַלגעמיינע צאָל פאַרלוירענע אַרבעטסטעג.

| דאָס יאָר | דער עקשנות־קאָעפּיציענט | די צאָל שטרייקנדע אַרבעטער | פאַרלוירענע אַרבעטסטעג | דורכשניטליך אויף 1 אידישן אַרבעטער פאַרלוירענע טעג |
|---|---|---|---|---|
| 1900 | 15 | 14500 | 217500 | 0,6 |
| 1901 | 12 | 20500 | 246000 | 0,7 |
| 1902 | 8 | 26000 | 208000 | 0,6 |
| 1903 | 8 | 39000 | 312000 | 0,9 |
| 1904 | 7 | 8000 | 56000 | 0,2 |
| דורכשניט־ליך יערליך | 9,5 | 22000 | 208000 | 0,6 |

[59]) כדי צו באַקומען דעם אַ ל ג ע מ יי נ ע ם סכום פון די פאַרלוירענע אַרבעטסטעג, כפל׳ען מיר איבער דעם דויער פון יעדן שטרייק (אָן די ימים־טובים) אויף דער צאָל פון די אָנטיילנעמער אין דעם דאָזיגן שטרייק און די אַלע רעזולטאַטן ווערן דערנאָך

פאַר 5 יאָר האָט די אידישע אינדוסטריע פאַרלוירן צוליב די שטרייקן בערך אַ מיליאָן אַרבעטסטעג, יערליך האָט זי דורכשניטליך פאַרלוירן אַרום 208.000 אַרבעטסטעג. דאָס איז דאָסזעלבע ווי ס׳וואָלטן יעדן טאָג געשטרייקט צו 700 אַרבעטער (דאָס יאָר האָט אַרום 300 אַרבעטסטעג). זאָלן מיר אָננעמען די אַלגעמיינע צאָל פונם אידישן פּראָלעטאַריאַט פאַר 350 טויזנט מענשן, וועט אויסקומען, אַז אויף איין אידישן אַרבעטער (אַלץ איינס, צי ער שטרייקט, צי ניט) קומט אויס צו 0.6 אַרבעטסטעג אָדער אַרום 7 שעה יערליך (אין יאָר פון מאַקסימאַלער שטייגונג — 1903 — גאַנצע 0.9 אַרבעטסטעג). אין פלוג, איז עס אַ נישטיגער פאַרלוסט: איין איבריגער יום־טוב־טאָג אין יאָר וואָלט אנגעטאָן דער נאַציע, מער שאדען ווי אַלע שטרייקן צוזאַמען. אין פאַרגלייך אָבער מיט מערב־אייראָפּע, אַמעריקע און באַזונדער רוסלאַנד איז די ציפער זעהר הויך: אַזוי אַשטייגער קומט אויס אין דייטשלאַנד אין יאָר פון מאקסימאַלער אָנשטרענגונג פונם עקאָנאָמישן קאַמף (אויך דאָס 1900־טע יאָר) אינגאַנצן 0.3 פאַרלוירענע אַרבעטסטעג אויף איין אַרבעטער. אין אַנדערע לענדער, חוץ ענגלאַנד (טיילוויז אויך די פאַראייני. שטאַטן), זענען די ציפערן נאָך נידעריגער. נאָך די סבה דערפון איז דער הויכער % פון די שטרייקנדע אַרבעטער און להלוטין ניט דער עקשנות־קאָעפיציענט, וועלכער איז אין תחום נידריגער, ווי אין פיל לענדער פון אייראָפּע און אַמעריקע (נידעריגער, ווי אין דייטשלאַנד, בריטאַניען, פאַרייני. שטאַטן און גלייך ווי אין עסטרייך, איטאַליען, טיילוויז פראַנקרייך).

צונויפגעלעגט. צוטיילן מיר דעם אַלגעמיינעם סכום פון די פאַרלוירענע אַרבעטסטעג אויפן סכום פון אַלע אָנטיילנעמער אין אַלע באַרעכנטע שטרייקן, באַקומען מיר דעם עקשנות־קאָעפּיציענט.

די טאַבעלע XXII גיט אַ פאָרשטעלונג וועגן דעם, ווי לאנג עס דויערן די אידישע שטרייקן.

XXII טאַבעלע. דער דויער און רעזולטאַט פון די אידישע שטרייקן (פאַר די צווייטע 5 יאָר)[60].

| די דויער־גרופן פון די שטרייקן | שטרייקן | % | אָנטיילנעמער | % | דער רעזולטאַט פון די שטרייקן אין אַבסאָלוטע צאָלן: געווונען | קאָמפּראָמיס | פאַרשפּילט | דער רעזולטאַט פון די שטרייקן אין % %: געווונען | קאָמפּראָמיס | פאַרשפּילט |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| I: ניט מער ווי ½ טאָג | 39 | 6,0 | 2927<br>29 | 5,5 | 37 | 1 | 1 | 94,9 | 2,55 | 2,55 |
| II: ½ טאָג — 1 טאָג | 49 | 7,6 | 1861<br>39 | 3,5 | 43 | 2 | 4 | 87,7 | 4,1 | 8,2 |
| III: 1½ — 2 טאָג | 64 | 9,9 | 2203<br>48 | 4,1 | 48 | 12 | 4 | 75,0 | 18,75 | 6,25 |
| IV: 2½ — 3 טאָג | 64 | 9,9 | 11739<br>57 | 22,0 | 54 | 9 | 1 | 84,4 | 14,05 | 1,55 |
| V: 3½ — 7 טאָג | 172 | 26,7 | 12989<br>139 | 24,3 | 134 | 22 | 16 | 77,9 | 12,8 | 9,3 |
| גרינגע שטרייקן | 388 | 60,1 | 31724<br>312 | 59,4 | 316 | 46 | 26 | 81,4 | 11,9 | 6,7 |
| VI: מיטלע שטרייקן 7½—14 טעג | 128 | 19,3 | 9722<br>113 | 18,2 | 96 | 21 | 10 | 75,6 | 16,5 | 7,9 |
| VII: שווערע שטרייקן 15—31 טאָג | 81 | 12,6 | 6856<br>67 | 12,9 | 53 | 13 | 15 | 65,4 | 16,9 | 18,5 |
| VIII: 32—62 טאָג | 36 | 5,6 | 4511<br>31 | 8,5 | 21 | 7 | 8 | 58,3 | 19,5 | 22,2 |
| IX: אַריבער 2 חדשים | 12 | 1,9 | 551<br>10 | 1,0 | 6 | 1 | 5 | 50,0 | 8,3 | 41,7 |
| לאַנגדויערנדיגע שטר. | 48 | 7,5 | 5062<br>41 | 9,5 | 27 | 8 | 13 | 56,2 | 16,7 | 27,1 |
| ס"ה | 645 | 100,0 | 53364<br>533 | 100,0 | 492 | 88 | 64 | 76,4 | 13,7 | 9,9 |

[60]) אונטער די צאָלן פון די אָנטיילנעמער זענען אָנגעוויזן יענע שטרייקן, צו וועלכע די אָנטיילנעמער געהערן (די צאָל אָנטיילנעמער איז באוואוסט ניט וועגן אלע שטרייקן).— דער רעזולטאט איז געבליבן אומבאוואוסט נאָר וועגן איין שטרייק (VI גרופע).

פון דער טאַבעלע איז צו זעהן, אַז פאַר די צווייטע 5 יאָר איז די אידישע אַרבעטער זעלטן אויסגעקומען אויסצוהאַלטן שווערע און לאַנגדויערנדיגע שטרייקן. נאָר איין פינפטל פון אַלע שטרייקן האָט זיך געצויגן אַריבער 2 וואָכן; 3/5 פון אַלע שטרייקן זענען געווען אויף אַזוי פיל לייכט, אַז זיי האָבן ניט געפאָדערט קיין פינאַנציעלע הילף מצד דער אָרגאַניזאַציע — זיי האָבן געדויערט ניט מער, ווי איין וואָך. די אַרבעטער קריגן, ווי באַוואוסט זייער לוין אָדער יעדע וואָך, אָדער אַלע צוויי וואָכן און לעבן אין דער צייט צווישן צוויי אויסצאָלונגן ס'רוב אויף קרעדיט: כל זמן מען האָט נאָך קרעדיט אין קלייטל, אין דער בעקעריי, ביים בעל-הבית פון דער דירה, טראָגט מען גרינג איבער דעם שטרייק. אמת, מ'האָט געמוזט האָבן געלד, כדי „אַראָפּצונעמען" (פון דער אַרבעט) די שטרייקברעכערס, נאָר מיר האָבן שוין געזעהן, אַז די שטרייק-ברעכעריי האָט בכלל זעלטן געשאַט די אידישע שטרייקן. אַזוי אַרום טראָגט מען אין אַלגעמיין נאָך גרינג איבער אפילו אַ צווייוואָ-כענדיגן שטרייק, וועלכער פאָדערט ניט קיין באַזונדער אָנגע-שטרענגטקייט, אויב מע זאָל ניט רעכנען דעם אויפגערעגטן צושטאַנד פון די שטרייקנדע, באַזונדערס אונטער דער ווירקונג פון פּאָליצייאישע פאַרפאָלגונגען. די אַלגעמיינע קורצדויערדיקייט פון די אידישע שטרייקן האָט אין פיר פינפטל פון אַלע פאַלן געמאַכט כמעט אומנויטיג די פינאַנציעלע הילף פון דער אָרגאַניזאַציע, און מיר זעהען טאַקע, אַז די פאַרטייאישע (צו דערזעלבער צייט די פּראָפעסיאָנעלע) אָרגאַניזאַציע האָט איר גאַנצע טעטיקייט ענטוויקעלט, דער עיקר, אויפן אַגיטאַציאָנס-געביט. זי האָט איינגעאָרדנט פאַרזאַמלונגען פאר און אין דער צייט פון די שטרייקן, האָט אַרויסגעלאָזט אויפרופן, האָט געפירט אונטער-

האַנדלונגען מיט די בעלי־בתים, האָט ניט אָפּיציעל אָנגעפירט דעם עקאָנאָמישן טעראָר (פון וועלכן מ׳האָט זיך אָפּגעטרייסלט „פּאַר לייט״). אָבער אויפן פינאַנציעלן געביט איז די פּאַרטייאישע פּראָפעסיאָנעלע אָרגאַניזאַציע געווען זעהר שוואַך און ניט באַפרידיגנד. זי איז ניט געווען מסוגל צו פירן שווערע און לאַנגדויערנדיגע שטרייקן: דאָס קען מען זעהן דערפון, וואָס, אויף וויפיל די שטרייקן זענען געוואָרן שווערער, איז זייער רעזולטאַט אַלץ געוואָרן ערפאָלגלאָזער. פון די גרינגסטע שטרייקן, וואָס האָבן געדויערט ניט מער, ווי אַ טאָג, האָבן זיך גאַנצע ניין צענטל געענדיגט מיט אַ פולן נצחון פון די שטרייקנדע און נאָר איין צוואַנציגסטל מיט אַ פאָלקאָמער מפלה; פון די לאַנגדויערנדיגע שטרייקן אָבער האָבן די אידישע אַרבעטער געוואונען נאָר די העלפט. די דאָזיגע גליקליכע העלפט איז באַשטאַנען פון שטרייקן מיט פאַרהעלטניסמעסיג ווניג אָנטיילנעמער: פון ציפערן, וועלכע איך קען דאָ ניט ברענגען צוליב מאַנגל אין פלאַץ, האָב איך אויסגערעכנט, אַז אויף איין לאַנגדויערנדיגן שטרייק, וואָס האָט זיך געענדיגט מיט ערפאָלג, איז דורכשניטליך אויסגעקומען 76 אָנטיילנעמער און אויף אַזוינעם, וואָס איז געווען ערפאָלגלאָז — 268 אָנטיילנעמער, הייסט עס: האָט זיך שוין יאָ איינגעגעבן דורכצופירן אַ לאַנגדויערנדיגן שטרייק, איז עס געווען דעמאָלסט, ווען ער האָט געהאַט ווניג אָנטיילנעמער; טאמער אבער איז די צאָל פון די אנטיילנעמער געווען גרויס, האָט ניט געסטייעט קיין מיטלען אויסצוהאַלטן די שטרייקנדע אין משך פון אַ לאַנגער צייט, און — „דער הונגער האָט גובר געווען״. . .[61].

[61] פאַרגל. מיטן באריכט וועגן דעם שטרייק אויף ש״ס טאַבאַק־פאַבריק אין גראָדנע.

## XXIII טאַבעלע. דער דויער און דער רעזולטאַט פון די אידישע שטרייקן לויט די יאָרן.

| דאָס יאָר און דער רעזולטאַט | | שטרייקן | דער דויער אין טעג: אַלגעמיינע פאַר אַלע שטרייקן | דער דויער אין טעג: דורכשניטליך פאַר איין שטרייק | אָנטיילנעמער | די צאָל פאַרלוירענע אַרבעטסטעג: אַלגעמיינע פאַר אַלע שטרייקנדע | די צאָל פאַרלוירענע אַרבעטסטעג: דורכשניטליך פאַר 1 שטרייקנדן |
|---|---|---|---|---|---|---|---|
| 1900 | נצחון | 96 | 981½ | 10,2 | 5598 | 51961 | 9,3 |
| | מפלה | 13 | 216 | 16,6 | 969 | 24037 | 24,8 |
| 1901 | נצחון | 166 | 1857½ | 11,2 | 7029 | 74098½ | 10,5 |
| | מפלה | 22 | 558 | 25,4 | 1484 | 27432½ | 18,5 |
| 1902 | נצחון | 122 | 1025½ | 8,4 | 7670 | 55806½ | 7,3 |
| | מפלה | 16 | 283 | 17,7 | 595 | 8242 | 13,9 |
| 1903 | נצחון | 72 | 552 | 7,7 | 7781 | 77131½ | 9,9 |
| | מפלה | 11 | 141 | 12,8 | 2797 | 60892 | 21,8 |
| 1904 | נצחון | 35 | 332 | 9,2 | 1306 | 11984 | 9,2 |
| | מפלה | 2 | 289 | 144,5 | 200 | 2400 | 12,0 |
| פאַר די צווייטע 5 יאָר | נצחון | 492 | 4749½ | 9,7 | 29384 | 270981½ | 9,2 |
| | מפלה | 64 | 1487 | 23,2 | 6045 | 123003½ | 20,3 |

פון יאָר צו יאָר דויערן די נצחון־שטרייקן דורכשניטליך פיל ווייניגער, ווי די מפלה־שטרייקן, און אויף יעדן אָנטיילנעמער פון אַ שטרייק, וואָס האָט זיך געענדיגט מיט ערפאָלג, קומט געוועהנליך אויס צוויי מאָל ווייניגער פאַרלוירענע אַרבעטסטעג, ווי אויף אַ אָנטיילנעמער פון אַ ערפאָלגלאָזן שטרייק. הייסט עס, אַז ס'איז געווען אַ שטענדיגע אייגענשאַפט פון די אידישע שטרייקן: מיט'ן

אין דער הקדמה צו אונזער אַרבעט, חייל אין די לאַנג דויערנדיגע שטרייקן האָבן אָנטייל גענומען פיל אַרבעטער, קומט אויס, אַז פון אַלע אָנטיילנעמער אין די־לאַנגדויערנדיגע שטרייקן האָבן אָפּגעהאַלטן אַ נצחון איבער די בעלי־בתים נאָר 30 % און אַ מפלה האָבן געליטן אַ גאַנצע העלפט (53 %).

וואוקס פונ׳ם ווידערשטאַנד פון די אונטערנעמער, איז געפאַלן דער ערפאָלג פונם עקאָנאָמישן קאַמף.

אויפן מערב וואַקסט און שטאַרקט זיך די אַרבעטער־באַוועגונג ניט קוקנדיג אויפן ווידערשטאַנד פונם קאַפּיטאַל; אין די פּאַרט־געשריטענע קאַפּיטאַליסטישע לענדער ווערן אויפגעבויעט אָן אויפהער איינע קעגן דער צווייטער צוויי מעכטיגע אָרגאַניזאַציעס — אַרבעטער און קאַפּיטאַליסטן, — און, ניט קוקנדיג אויף די קאָלאָסאַלע עקאָנאָמישע מיטלען פונם קאַפּיטאַל, אויף זיין פּאָליטישער הערשאַפט, שלאָגט זיך דורך די פּראָלעטאַרישע אָרגאַניזאַציע אלץ פאַר׳עקשנ׳טער ניט קוקענדיג אויף אלע מניעות. אויפן מערב זעהען מיר ניט, ניט קיין דירעקטע, ניט קיין פאַרקערטע רעלאַטיוויטעט צווישן דער קאַמף־עקשנות און זיין ערפאָלג; נאָר אין אַלגעמיין איז די אויסגע־האַלטנקייט פון די אַרבעטער אַ אומגעהייער גרויסער פאַקטאָר פון ערפאָלג[62]. אויף דער אידישער גאַס אָבער האָט די אויסגעהאַלטנקייט געפירט צו... מפּלות, די אָנגעשטרענגטקייט פון די כחות האָט מערסטנטייל געפירט צום דורכפאַל פון די אַרבעטער! אַזוי זעהט אויס דער פּאַראַדאָקס פון דער אידישער אַרבעטער־באַוועגונג; דער פּתרון פונם פּאַראַדאָקס איז פאָלגענדער: דער ערפאָלג און גלאַנץ פונם אידישן אַרבעטער־קאַמף איז אַ פּועל יוצא ניט פון די אַרבעטער־כחות, ניט פון זייער אָרגאַ־

---

[62]) דזשינע לאָמבראָזאָ (די טאכטער פון דעם קרימינאַליסט־אַנטראָפּאָלאָג), באַהויפּטעט, אמת, („I coefficienti della vittoria negli Scioperi") אַז צווישן דער אנגעשטרענגטקייט פונם קאַמף און זיין ערפאָלג פאַר די אַרבעטער עקזיסטירט בכלל אַ פאַרקערטע רעלאַטיוויטעט; אירע ציפערן זענען אָבער ניט גענוג, און פאַר 10 יאָר, וואָס זענען פאַר־לאָפן פון יענער צייט, וואָס דזש. לאָמבראָזאָ האָט אָנגעשריבן איר אויספאָרשונג, האָט זיך אָנגעזאַמעלט אַ סך פאַקטן, וואָס זיינען סותר אירע אויספירונגען.

ביזירטקייט, נאָר פון דער מאַכטלאָזיקייט און דעז־אָרגאַניזירטקייט פון דער אידישער בורזשואַזיע.

אמת, אויך אין גאַנץ רוסלאַנד קען מען באַאָבאַכטן ערשיינונגען, וועלכע ווייזן זיך אויס ווי אַנאַלאָגיש צו די ערשיינונגען אין תחום; אין גאַנץ רוסלאַנד פאַלט דער ערפאָלג פון די שטרייקן צוזאַמען מיטן וואוקס פון זייער פאַר׳עקשנ׳קייט, און די ערפאָלגלאָזע שטרייקן דויערן, אין אַלגעמיין, 3—4 מאָל אַזוי פיל, ווי יענע, וועלכע ענדיגן זיך מיט ערפאָלג. די סבות זענען אויך טיילווייז דיזעלבע: די ניט אָרגאַניזירטקייט פונם פראָלעטאַריאַט, פאָליצייאישע און מיליטערישע רעפרעסיעס קעגן די שטרייקנדע אַרבעטער, די שוואַכע סאָציאַלע דיפערענציאַציע פון די קלאַסן, די אומאַנטוויקעלטקייט פון דער בורזשואַזיע, אַלס קלאַס. און פונדעסטוועגן איז א גרויסער חלוק צווישען דעם תחום און צווישען די איבריגע געגנדן פון רוסלאַנד: דאָרט איז עס סימנים פון דער יוגענד פון דער אַרבעטער־באַוועגונג, אין תחום איז עס די פריצייטיגע רייפקייט. אָט זעהט:

טאַבעלע XXIV. די באַוועגונג פונם עקשנות־קאָעפיציענט אין תחום און אין אייראָפּייאישן רוסלאַנד.

| | 1896 | 1897 | 1898 | 1899 | 1900 | 1901 | 1902 | 1903 | 1904 |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| דער עקשנות־קאָעפיציענט: דער תחום (אידן) | 41,7 | 7,0 | 47,7 | 16,3 | 15,1 | 11,6 | 7,7 | 8,0 | 7,1 |
| דער עקשנות־קאָעפיציענט: דאס אייראָפּייאישע רוסלאנד | 6,4 | 5,3 | 3,7 | 4,6 | 4,0 | 3,4 | 3,5 | 5,1 | 7,4 |

די צוויי שורות זאָגן פאָלגענדס: בשעת אין גאַנץ רוסלאנד איז די קאַמף־עקשנות צוערשט אַ גאַנץ נישטיגע און זי ווערט אין אַלגעמיין אַלץ גרעסער, איז זי ביי די אידן צוערשט

זעהר הויך, פאַלט אָבער וואָס ווייטער, און אין 1904־טן יאָר איז זי שוין קלענער פון דער אַלגעמיין־רוסלענדישער. פונם 1899־טן ביז דעם 1904־טן יאָר האָט זיך די אָנגעשטרענגטקייט פון די שטרייקן אין תחום פאַרקלענערט אין 2 ½ מאָל, און אין גאַנצן איירָאָפּייאישן רוסלאַנד איז זי אויסגעוואַקסן אין צוויי מאָל. די יונגע רוסלענדישע בורזשואַזיע, וועלכע האָט אין אָנהויב געמוזט אָפּטרעטן פאַרן דראַנג פון דעם אויפוואַכנדן פּראָלעטאַריאַט, האָט זיך מיט דער צייט פאַרשטאַרקט און, ניט קוקנדיג אויף דער דערנעהענטערונג פון דער רעוואָלוציע, איז דער ווידער־שטאַנד־כח און דער דרוק פונם רוסלענדישן קאַפּיטאַל אַלץ געוואַקסן, און דער עקשנות־קאָעפיציענט האָט דערגרייכט ביז 8.7 טעג. די יונגע, אָבער בלוטלאָזע אידישע בורזשואַזיע האט באַגעגנט די אַרבעטער־באַוועגונג פון אָנהויב אָן מיט אַ שטאַרקן ווידערשטאַנד, מעשה־איירָאָפּע. זי האָט אָבער באַלד אָנגעהויבן אָפּצוטרעטן און איבערצולאָזן די פּאָזיציעס. אין גאַנץ רוסלאַנד האָט די אַרבעטער־באַוועגונג געצוואונגען די בורזשואַזיע סאָציאַל זיך צו באַשטימען, האָט מיטגעהאָלפן דער קריסטאַליזירונג פון די קלאַסן־פאַרהעלטניסן; אין תחום אבער האָט דעם וואוקס פון דער אַרבעטער־באַוועגונג באגלייט דאס פאנאנדערפאלען פון דער בורזשואַזיע.

* *

*

דער קלאַסן־קאַמף האָט אויף דער אידישער גאַס פאַרזיכערט די היסטאָריש אומפאַרמיידליכע ירידה פון דער אידישער מלאכה, האָט צושאָקעלט דאָס, וואָס איז געווען פאַראורטיילט צום אונטערגאנג.

און דאָס וועט פאררעכנט ווערן ניט אין פּאַסיוו, נאָר אין דעם אַקטיוו פון דער אידישער אַרבעטער־באַוועגונג, אַלס איינס פון אירע פילע פאַרדינסטן.

צוויי גרויסע אמת'ן האָט די אידישע אַרבעטער־באַוועגונג אנגעזאָגט דעם אידישן פאָלק: איין אמת — הויך און קלאָר, דעם צווייטן — ניט קלאָר און ניט באַוואוסטזיניג. באווייזענדיג זיך אויף דער וועלט, האָט זי באַלד אָפן ערקלערט די קלאַסן־סטרוקטור פונם אידישן פאָלק; אַנטוויקלענדיג זיך, האָט זי אויף יעדן שריט מודה געווען, אַליין ניט וויסענדיג און ניט ווילענדיג, אַז די סאָציאַלע פיזיאָלאָגיע פונם אידישן פאלק איז אָרגאַניש קראַנק. די אַרבעט, וועלכע איך ענדיג איצט, האט געפרובט אויפצודעקן עטליכע שורות פון דער געהיימער שריפט פון אט דעם צווייטן אמת, וועלכן דער אַרבעטערקלאַס האָט אנגעזאגט דעם אידישען פאָלק.

# אינהאלט:


פון די ארויסגעבער . . . . . . . . . . . . I—II

די מאכט־שטופן פונ׳ם קאפיטאל (אנשטאט א הקדמה) . 1

I. אלגעמיינע באמערקונגען וועגן דער אויפגאבע, וועגן דעם מאטעריאל און וועגן דעם מעטאד . . . . . . . 11

II. דער פארנעם פון דער אידישער ארבעטער־באוועגונג 29

III. די גרויס פון די אידישע שטרייקן און אונטערנעמונגען 50

IV. דער ערפאלג פונ׳ם עקאנאמישן קאמף . . . . . . 65

V. די סבות פון די אידישע שטרייקן . . . . . . . 79

VI. די ארבעטער־סאלידאריטעט אינ׳ם עקאנאמישן קאמף . . . . . . . . . . . . . . . . 89

VII. די אנגעשטרענגטקייט פונ׳ם עקאנאמישן קאמף . . 98

# טאבעלן.


I די טיילונג פון דער שטרייק־באוועגונג לויט די יארן . . . . . 29

II די טיילונג פון די שטרייקן לויט די ווירטשאפט־צווייגן און קאלעקטיוויטעט 36

III דאס זעלבע פאר שטרייקן מיט א באשטימטער צאל אנטיילנעמער . . 38

IV די מיטעלע צאל אנטיילנעמער אויף איין שטרייק . . . . . 40

V דאס אלגעמיינע בילד פון דער שטרייק־באוועגונג . . . . . 41

VI די צאל אנטיילנעמער . . . . . . . . . . . 41

VII a פארגלייכענדע טאבעלע פון אינדוסטריע־שטרייקן . . . . . 45

VII b פארגלייכענדע טאבעלע פון די מאקסימאלע שטייגונגען . . . . 46

VIII דער פארנעם פון די שטרייקן און פארשידענע לענדער . . . . 51

IX די טיילונג פון אידישע שטרייקן לויט זייער פארנעם . . . . . 52

X דער פארנעם און די קאלעקטיוויטעט פון די אידישע שטרייקן . . . 55

XI פאבריק־ און מלאכה־שטרייקן לויט קאלעקטיוויטעט און פארנעם . . 57

XII די טיילונג פון די אידישע שטרייקן לויט זייערע רעזולטאטן . . . 66

XIII a די רעזולטאטן פון די שטרייקן לויט זייערע אנטיילנעמער . . . 68

XIII b די כחות פארהעלטעניסן פון ארבעט און קאפיטאל . . . . . 71

XIV דער ערפאלג פונ׳ם עקאנאמישן קאמף אין פארשידענע לענדער . . 72

XV דער רעזולטאט פון די אידישע שטרייקן לויט די ווירטשאפט־צווייגען און לויט דער טעכנישער אנטוויקלונג פון דער אינדוסטריע . . . . 75

XVI די טיילונג פון די אידישע שטרייקן און זייערע אנטיילנעמער לויט די סבות און לויט די ווירטשאפט־צווייגן . . . . . . . . . 83

XVII די טיילונג פון די אידישע שטרייקן לויט די יארן און די סבות . . . 85

XVIIIa די טיילונג פון די אידישע שטרייקן לויט דער סאלידאריטעט . . . 91

XVIIIb דאס זעלבע בנוגע דער צאל אנטיילנעמער . : . . . . . 91

XIX די קאלעקטיוויטעט און די סבות פון די אידישע שטרייקן . . . . 94

XX די באוועגונג פונ׳ם עקשנות־קאעפיציענט אין עקאנאמישן קאמף . . 99

XXI די אלגעמיינע צאל פארלוירענע ארבייטסטעג . . . . . . 100

XXII דער דויער און דער רעזולטאט פון די אידישע שטרייקן . . . . 102

XXIII דאס זעלבע לויט די יארן . . . . . . . . . . 105

XXIV די באוועגונג פונ׳ם עקשנות־קאעפיציענט אין תחום און אויסערן תחום דיאגראם צו טאבעלע XIV. דער ערפאלג פונם עקאנאמישן קאמף ביי ניט־אידען און ביי אידען . . . . . . . . . . . . 107

| % | די אידישע מלאכה | דער גאנצער תחום | קליינע פאבריק | מיטעלע פאבריק | גרויסע פאבריק | דייטשלאנד | שווייץ | קאנאדא | פאראייני. שטאטען | שפאניען | ענגלאנד | איראפ. רוסלאנד | איטאליען | האלאנד | פראנקרייך | עסטרייך | בעלגיען |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| 0 | + | + | + | + | + | + | + | + | + | + | + | + | + | + | + | + | + |
| 5 | + | + | + | + | + | + | + | + | + | + | + | + | + | + | + | + | + |
| 10 | + | + | + | + | + | + | + | + | + | + | + | + | + | + + | + ½ | ½ | ½ ½ |
| 15 | + | + | + | + | + | + | + | + | + | + | + | + | + + | ½ | ½ | ½ | — |
| 20 | + | + | + | + | + | + | + | + | + | + | + | + | ½ | ½ | ½ | ½ | — |
| 25 | + | + | + | + | + | + | + | + | + | + | + | ½ | ½ | ½ | ½ | ½ | — |

דער אידישער אנזידלונגס ראיאן אין רוסלאנד

די סימנים:

— די נידערלאגע פון די ארבייטער

½ די פשרה

+ דער נצחון פון די ארבייטער

דער ערפאלג פון עקאנאמישן קאמף אין פארשידענע לענדער (דיאגראמע)

